STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01837

SONETN

Shlomo Roitman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה
רויטמאַן

סאָנעטן



SHLOMO ROITMAN

SONNETS

©

שלמה רויטמאַן, הנדיב 51/8, הרצליה

נדפס בישראל, תשל"ז

Printed in Israel, 1977

דפוס רויאל בע"מ, רמת השרון

I

דער סאָנעט

די ליבע אויסגעהויכט האָט דעם סאָנעט אַזוי,
ער זאָל באַזינגען זי און זיין אין איר געראָטן,
ווי ברוסט צו ברוסט, איז פּערצנריפּיק זיין געבוי,
און וואָרט אין וואָרט, ווי האַרץ אין האַרץ, איז איינגעזאָטן;

זיין סטראָפע שלאָגט מיט צווייטער זיך, ווי ליכט מיט שאָטן,
ווי ערד מיט הימל, טויט מיט לעבן, פלאַם מיט טוי,
אַזוי אין קריג די ליבע וואַקסט פון מאַן און פרוי,
און ער איז גייסט און ער פון לייב איז אויסגעקנאָטן,

און ווי אַ פּאָר געאַרעמט איז ער פריי און ענג,
און מילד ווי צוטרוי און ווי אייפער איז ער שטרענג,
און ס'איז זיין אָטעם ווי דער ווינט, וואָס טראָגט דאָס פייער,

זיין יעדער גראַם — אַ גאַנצע ליד, אַ קוש אַ טרייער,
און פונעם אָנהייב ביזן סוף איז ער איין גלעט, —
ווי אַנדערש דינען וואָלט דער ליבע דער סאָנעט?

1976

ARS POETICA

II

מיין גאָרטן־גריל

מיין גאָרטן־גריל, מיין גרינער שמיד,
פֿאַדקאָווקעס מאַכסטו תּיכף גרייט
ווי נאָר געבוירן ס'ווערט דיין ליד,
אַז קלינגען זאָל איר גאַנג מיט פֿרייד,

דיין חומר איז דאָך גרינס און צוויט,
דיין האָרנע איז די בעכער־קווייט,
דיין פֿייער איז די שטראַל, וואָס גליט,
דיין בלאָזזאַק איז דערווינט, וואָס ווייט.

פֿאַרהאַרטעוועסט אין טוי זיך, גריל,
דער שמידאייזן איז דיין געביין,
דער האַמער איז דיין האַרץ אַליין, —

דו ביסט די פּלייט און ביסט איר שפּיל,
און קיינער זעט דיך ניט, מיין שמיד,
דערפֿאַר הערט בעסער זיך דיין ליד.

7.8.1976

III

מיין דעמאָן

דו דיבוק פון געזאַנג, פאַרלאָז מיך ניט,
דו זאָלסט מיך אויף דער עלטער ניט פאַרשעמען, —
ביסט עפּעס דאָך פיל מער פון מיין געמיט,
מיין האָב, מיין גאָב, מיין גורלדיקער דעמאָן.

צוויי שוואַרצע וואָלקנס זיינען דיינע ברעמען,
דער פייערדיקער בליץ — דיין אויגן־שניט,
נאָר מער פון בליץ און דונער איז דיין ליד,
וואָס קומט דאָס גאַנצע האַרץ אונדז צוצונעמען.

דו שיכורסט, ווי די ליבע און דער האַס
מיך מיט דיין אייביק טרויעריקן שפּאַס
איבער דער וועלט, — ס'איז שרעקלעך דיין געלעכטער

אַזוי, אַז ס'נעמט דאָס לשון ביי מיר אָפּ,
פאַרחלשט ליג איך צווישן האַרץ און קאָפּ,
ביז כ'הער: אָט ווײנט פון מיר די ליד מיט ווערטער.

2.8.1976

IV

געזעצן

די געזעצן פון דער דיכטונג,
די מנהגים פון דער ליד,
זייער גאַנג, געזאַנג און ריכטונג,
זייער גייסט און אַרט און שניט,

זייער וועג־ציל, חוב, פאַרפליכטונג,
זייער לייב, וואָס זיך פאַרהיט
פון דעם וויאַנעו און פאַרניכטונג,
זייער אומזין, זין, געמיט,

און ווי דורך דער פאָרם געשליפן
די נשמה זייערע גליט,
ווי דורך פראָסטיקע באַגריפן
זייער ליכט, געזיכט עס בליט —

לערן אויס אין סאַמע צאַרטס —
אין קאַפּריזן פונעם האַרץ.

1976

V

ווערטער

אויב ס׳איז די ליד דיר פון דיין לעבן טייער,
זאָל וואָרט לעם וואָרט דאָ גלייכגילטיק ניט שטיין,
אויב פיינד, — איז זאָלן זיי, ווי שטיין פון שטיין,
ניט אויפהערן פון זיך צו האַקן פייער,

אויב פריינד, — טאָ זאָלן זיי אין ליבע פרייער
זיך בינדן — אַ געביין אין אַ געביין,
אויף אייביק צו געבירן זיך אַליין
און ווערן מילדער, בעסער, יינגער, נייער.

אין ווערטערבוך, אין לעקסיקאָן עס קאָן
געליימט דאָס וואָרט קיין אָרט זיך ניט געפינען,
געזאַנג באַלעבט דאָס ליים, און ווערטער גרינען ;

צי האָסטו אָט דעם חסד זיי געטאָן,
צי טראָגן זיי אין זיך דעם גוטן באָדן
און אויך די זוים מיט ליבע אָנגעלאָדן ?

21.6.76

VI

דער לירישער גערדיכט

זאָלסט וויסן, אַז אין לירישן געדיכט
דאַרפסט זיין אי דו און אויך אַ הימל העכער,
די גאַנצע וועלט מוז טראָגן דיין געזיכט
און ביסטו גרוי, דאַן ביסטו אַ פאַרשוועכער;

די שיינקייט גיט אַ ביס ווי אומגעריכט,
די העלקייט פון דער רויז אין רויטן בעכער
דערזעסטו אָפט נאָך שאַרפער דורך איר שטעכער,
ס'האָט דער געדיכט זיין הימל און זיין ליכט.

זיין קראַפט איז ווי באַרעכנט־אומבאַרעכנט,
ער זאָל אַזוי אין גאַנצן דיך צעברעכן,
אַז דו פאַרפולקומט ווערן זאָלסט אין בראָך,

דיר זיס דאַרף זיין, ווען ביטער איז זיין תוך,
און מוזסט אין אים פאַרלירן אויך דיין זינען,
זאָלסט נאָר דיין האַרץ און זיך אין דעם געפינען.

1976

VII

די טראַגעדיע

עסכיל, סאָפאָקל, עווריפּיד, —
זיי האָבן די טראַגעדיע געשאַפן
באמת דאָך אין גאַנצן פון דער ליד ;
ווייל ס׳האָט שעקספּיר געקענט פון מענטשן גאַפן,

איז האָט ער זי דערוואַרעמט און פאַרהיט,
צונויפגעשמידט, ווי אין איין גאָלדן וואָפן,
די דיכטונג און די וואָר — מיט הייס געמיט —
און האָט דערפירט די שיינקייט צו איר האַפן.

פון דאַן האָט קיינס צו אים שוין ניט דערגרייכט,
כאָטש אונדזער בראָך דאַרף אַלע הימלען שפּאַלטן,
נאָר פון קיין גייסט קיין ליידיקן און קאַלטן

זיך קיין מאָל די טראַגעדיע ניט הייכט,
פון גאַזקאַמער איז אונדז דער אָטעם מיד,
און ציען ביזן האַרץ מע מוז די ליד.

20.4.1976

VIII

ראָמאַנטיזם

צו דער, וועלכע ווערט אַ וואַסער־מלכּה

איך ווייס די אָזיערע, וווּ דו שווימסט אום נישט טויט,
דאָרט הייבן אָן שוין דיינע לאָקן העל צו גרינען,
האָסט אין די כוואַליעס זיך אַזוי אַריינגעבלויט,
אַז קענסט, דוכט, לעבעדיק שוין קוקן מיט בורשטינען.

עס נעמען שוין די ווייסע נעכט אַריינצושפּינען
זייער לבֿנהדיקן זילבער אין דיין הויט,
און ס׳האָבן וועלדער בלויז פֿון שאָטנס אויפֿגעבויט
אַ טיפֿן וואַסער־שלאָס, וווּ דו זאָלסט זיך געפֿינען.

נאָר דו האָסט מיר דערווייל נאָך אַלץ ניט אָנגעדייט,
אַז כ׳קען אָט דאָ, ווי דו, פֿאַרגעסן אַלע ווייען,
פֿאַרשלעפּסט מיך ניט, אַז שווימען זאָלן מיר אין צווייען,

ווייל ניט געשלאָגן האָט די שעה פֿון לינדער צייט,
און אין דער אָזיערע ביי טרויעריקער באַלקע
קענסט אַלץ ניט ווערן נאָך פֿאַר מיר קיין וואַסער־מלכּה.

4.4.1976

IX

דאָס ניט פֿאַרפֿולקומטע

ווער איז דען ניט פֿאַרקנעכטעט ביי דער צייט,
די שיינקייט, וואָס האָט צייטיקן פֿאַרשפּעטיקט
און נאָר אויף האַלב אין לעבן זיך באַשטעטיקט,
זי איז שוין פֿון דעם בייזן ניט באַפֿרייט,

און ווייל זי האָט אויף זון נאָר אָנגעדייט,
האָט זי מיט ליכט דאָס האַרץ אונדז ניט געזעטיקט,
געוואָרן פֿאַר מחשבות אַ קאָסמעטיק,
אַריבער אויף דער שאָטנדיקער זייט,

וווּ ס׳קען די שלאַנג פֿאַר חוה׳ן זיך פֿאַרשטעלן,
אונדז גלעטן מיט איר גינגאָלדענער הויט
און טאַקע אונדז, ווי חוה קען, געפֿעלן ;

און האָבן מיר איר אָטעם זיך פֿאַרטרויט,
עס הייבט אונדז אָן דער אָטעם אויסצופֿעלן,
ווייל מיר געקושט זיך האָבן מיטן טויט.

25.5.1976

X

דאָס נייַע אין דיכטונג

אַלץ, וואָס קען ווערן אַלט, נאָר חוץ דעם ווייַן,
אַלץ, וואָס קען ווערן גרוי, חוץ דעמער־שייַן,
און אַלץ, וואָס פּייניקט ווילד, חוץ ליבע־פּייַן,
פֿאַרווערט איז זיי אין ליד אַ תּושב זייַן;

נאָר אַלץ, וואָס גייט פֿאַרביי, זי האַלט עס אייַן,
און אַלץ, וואָס איז נאָר פֿריי, זי נעמט אַרייַן,
און וואָס ס'איז יונג און ניי, זי שפּינט דעם פּייַן
איר אייביק ליכטיק העמדעלע פֿון לייַן,

און וואַרעמט עס און ציט געטריי עס אויף
און שענקט אים אַ נישט וויאַנענדיקן גוף.
נאָר וואָס איז פֿאַר דער דיכטונג דער געווינס?

אַלץ, וואָס עס שמעקט און גלעט און לויכט מיט גרינס
און שפּילט מיט האַרץ, מיט ליבע און מיט שייַן,
איז ניי, וואָס נייערס קען שוין גאָרניט זייַן.

9.8.1976

XI

DOLCE FAR NIENTE [1]

זיי געגריסט מיר, מיין דאָלטשע פאַר ניענטע, —
אָט די חכמה פון פוילן זיך, לאָדערן,
און דאָס טרעפן זיך גלאַט מיט באַקענטע,
און ביי קיינעם קיין חשבון ניט פאָדערן,

און דאָס זשליאָקען די רו ביז דער שפּענטע,
און דער גאָלדענער שטראָם אין די אָדערן —
אָט, אין צייטן אַזעלכע פאַרשווענדטע,
ווערן רייף אין דיין לעבן די יאָדערן.

אין מיין נאַקעט — אין העמדל דעם ביליקן, —
ווען דער ים איז מיין פריינד דער געטרייסטער,
כ׳קום דאָס לעבן דאָס רויע באַווייליקן
ווי באַשאַפן האָט ערשט עס דער מייסטער;

קום, מיין פוילקייט צו מיר, און באַגייסטער
אויף דער ליד, וואָס מ׳ע קען ניט פאַרטיליקן.

30.7.1976

1. זיס פּוסט און פאס אומגיין.

XII

דער פּאָעט און דער ווינט

מײַן חבר בלייבט נאָך אַלץ דער ווינט — דער שלאַק,
איין ראָק מיר האָבן זיך פֿון האָר געשפּינט,
וואָס וואַקסן אויף דער בלאָנקענדיקער רינד,
דער פּורפּור־בלאַט פֿון האַרבסט — זיין אונטערשלאַק,

די הימל־הייך אויף אונדז — איין גרויסער זאַק,
און אַז מ׳איז ברידער — אָט ווי איך און ווינט,
די היימלעכקייט אַליין פֿון זיך מע שינדט,
ס׳איז רעגנצייט — אַ טרער אויף אונדזער באַק.

אין ערגעץ ניט, מיר זיינען אומעטום,
מיר זיינען אַלעס דאָ, און קיינער ניט,
מיר — דער געזאַנג, וואָס בלייבט פֿאַר אַלע שטום,

און כאָטש די טרעגער זיינען מיר פֿון צוויט,
מ׳יר האָבן נאָך פֿון פּירות ניט פֿאַרזוכט,
פֿאַר אונדז זיך ברעכט די צווייג ביז ס׳רייפֿט די פֿרוכט.

11.7.1975

XIII

צו שלום עליכמען

כ׳בין געבוירן דיך צו ליבן,
דיר אַן אייגן קינד צו ווערן,
ס׳זיינען מיר אין האַרץ פאַרבליבן
דיינע לאַכנדיקע טרערן.

האָסט מיר אויך די רעכט געגיבן
אָן אַ הימל זיין אַ שטערן,
מיט אַ וואָלקן זיך אַ טריבן
ווי אַ פויגל אָנצוקערן,

ס׳זאָלן בלאָנדזשען מיינע פליגל
ביז אין פעלדזן מיך צעשטערן,
ביז מיין האַרץ — דיין טרערן־קריגל —

פולערהייט איבערצוקערן,
כ׳זאָל אַ קונץ באַווייזן, ברידער,
ווי מע מאַכט פון טרערן לידער.

1976

XIV

צו יידיש

דיך האָבן אַלע ערשער פיינט געהאַט,
אין קעלערס און אין גריבער דיך פאַרטריבן,
נאָר דו ביסט שטאַרקער, גרינער פון דעם בלאַט,
אויף דיר דאָס גאַנצע האַרץ איז אונדז פאַרשריבן.

אין דיר האָט אונדזער אָטעם זיך פאַרקליבן,
און דער, וואָס דיך פאַראַט, נאָר זיך פאַראַט,
ביסט שוין אַזוי מיט אונדזער ווייטעק זאַט,
אַז ווייניק ווי אַ מאַמע איז דיך ליבן.

ביסט שטענדיק דאָך געווען מיט אונדז אין קאָן,
דערפאַר ביסט אַזוי אויסגעלייטערט־זעליק,
דו ביסט אין אונדזער גורל אָנגעטאָן,

און כ׳ווייס ניט ווער פון ווען איז אַ חלק,
אויף דיר דאָך שוויגן אייביק זעקס מיליאָן,
איז דאַרפן זעכצן שרייען — דו ביסט הייליק.

23.7.1976

XV

חיים נחמן ביאַליק

דיין ליד איז פעלדזן־קוואַליק,
דיין שרף איז שאַרף און לינד,
ביסט חיים נחמן ביאַליק
אַ נביא און אַ קינד,

ביסט שכינהדיק, ביסט שטראַליק,
זיספּרידיק צעגרינט,
און ביטער, גיפטיק, גאַליק
פֿאַר בייסנדיקע הינט;

דערפֿאַר דו קענסט זיך שפּילן
מיט ווינט, מיט זון, מיט שניי,
דיין צאָרן קענסטו שטילן,

נאָר צאָלנדיק פֿאַר וויי,
אויף אונדזער וווּנד צו קילן,
איז האָסטו הערצער צוויי.

2.4.76

XVI

דער זיג פון געזאַנג

וואָס קען מען טאָן, דאָס האָלץ האָט אויסגעברענט,
זיך לעשט דער פלאַם, ווי ס'איז זיין ליכט נישט טייער.
צו אונדז דער שוואַרצער מלאך אָפט גענענט,
ווען ס'איז דאָס האַרץ נאָך פול מיט הייליק פייער.

דאָך איז דאָס לעבן אויך פון אונדז געווענדט ;
אויב ס'איז נאָך דאָ אַ קערן אין דיין שייער,
אויב ליידיק ביסטו נאָך ניט ביז דער שפּענט,
פון טויט ביסט אַלץ נאָך שטאַרקער אומגעהייער.

מע זאָגט, ווען ס'האָט דער טויט געטאָן אַ מאַנגל
דעם זינגער, וואָס געווען איז קראַנק און מיד,
און האָט די ליפּן זיינע ביזן אַנגל

אויף אייביק מיט זיין קעלט צונויפגעשמידט,
האָט דער געזאַנג געזיגט אין זיין געראַנגל, —
דער טויט איז שטום, ס'איז ריידנדיק די ליד.

31.7.1976

XVII

דער פארכישופטער טראָמפּייט

״אַ טראָמפּייט אין דער לענג, אַ טראָמפּייט אין דער ברייט״

פּרץ מאַרקיש

ווען אויסגעהויכט זיין זעל האָט דער טראָמפּייטער,
האָט מען דערהערט אַ קלאַנג אַ האַרציק־שטילן —
ס׳האָט דער טראָמפּייט אַליין גענומען שפּילן,
שוין מיט זיין ליבן קלעזמער אַ צעשיידטער.

פון זיין דעם שפּילמאַנס אייביקער באַגלייטער
האָט אויך דאָס מעש זיין האַרץ גענומען פילן,
צעגליט זיך, מיט קיין ים ניט אָפּצוקילן,
כדי דעם מייסטערס קול אין זיך פאַרלייטן.

פון דעמאָלט אָן, ווען הערצער זיך פאַרבענקען,
צעשפּילט זיך דער טראָמפּייט, רופט פאַרגעדענקען,
ווי שטיינדעלעך צעקושן זיך אין קוואַלן,

ווי פרייהייט־מענער צו דער צוקונפט שאַלן,
און מיט דעם מייסטערס קול די וועלט דערפרייט ער,
און נאָר אַזוי באַווייַנט ער זיין טראָמפּייטער.

XVIII

אָן אַ גאָלדענער מיט

אויף הויכע בערג איז שווער, נאָר פעסטער נאָך דער טראָט,
אויף קליינע שטיינדעלעך איז גרינגער זיך ספּאָטיקען.
אויב טאָן אַ פאַל, איז ווי דער דונער־שלאָג פון גאָט,
צי ווי דאָס לאָשעקל, וואָס פאַלט אין גראָז זיך קוויקן, —

עס ליגט זיך נאזנדיק און פריי אויף גאָטס באַראָט
און האַלט מיט קאָפּיטקעס אין הימל אין איין בריקען,
ווי ס׳לויפט אין הייך זיך טאָן אין הירזשען אַ צעשאָט
און טראָגט אַוועק מיט זיך אַ גאַנצע ערד מיט גליקן.

איך וואָלט אַליין, מיין לעבן, ווינטשן דיר געוואָלט,
זאָלסט מיט אַזוינס ניט האָבן אייביק דאָ קיין עסק,
וואָס איז ניט וואַרעם און ניט קאַלט, ניט בליי ניט גאָלד,
ניט ווייַן ניט עסעק, נאָר אַזוי זיך — מיטלמעסיק.

איך בין פון בלוט, וואָס שלאָגט מיט רויטקייט און מיט היץ,
איך צינד זיך אָן און לעש זיך אויס ווי גלייך אַ בליץ.

30.7.1976

XIX

די שעפערישע קראַפט

דו, שעפערישע קראַפט, נאָר האָסט דעם פּאַס
פאַרוווערטע גבולן פריי אַריבערשפּרייזן,
צו הערן ווי אַ דופק קלאַפּט אין אַייזן,
באַזיניקן דעם וויי פון משוגעת,

מיט אונדזער זעל אין סודות אומצורייזן,
פאַרשטעלן איר דעם וועג צו ווילדן האַס,
פאַר נידעריקייט געבן איר אַ קנס
און נאָענט צו דער זון מיט איר צו קרייזן ;

און אַלץ, וואָס האַלט אין ברויזן נאָך און יוירן,
אין דיר איז שוין דער אויסגעשפּילטער וויין,
און אַלץ, וואָס איז אין חושך נאָך פאַרפרוירן,

איז שוין אין דיר די וואַרעמקייט פון שיין,
און וואָס עס איז אויף אייביק אונדז פאַרלוירן,
קען ווידער נאָר אין דיר פאַרפולקומט זיין.

1.7.1973

XX

דער גאָלדענער בוים

ש. האַלקינען

מיין ליבער דעמב וועט אין דעם וואַלד ניט פאַלן,
דער טוייקער געוויטער איז זיין אָטעם,
איך קום צו אים ניט קילן זיך אין שאָטן,
נאָר אַז זיין גרויסע ליכט זאָל מיך באַפאַלן.

וואָס מער ער גיט אַוועק פון זיך די שטראַלן,
אַלץ פולער ווערט זיין קרוין מיט גאָלד באַשאָטן,
די באָדן־שוואַרצקייט ווערט ווי אויסגעזאָטן,
ס'איז דורכזיכטיק זיין גרונט, מע זעט די קוואַלן,

מע זעט, ווי וואָרצלען שליסן אויף די היילן,
וווּ אוצרות וואַרטן — זאַלצן, האַפטן, שטאָפן,
און טיפער דאָרט, וווּ ליבע נעמט זיך שיילן,

האָט מיט דעם האַרץ דער זינען זיך געטראָפן —
דאָרט איז דער גבול, דאָרט לויכט אין זאַפט די זרע,
ניטאָ קיין גבול נאָר צו דיין גוטער פּרי.

XXI

דער כּוח פֿון ליד

ניט מיין, אַז גרינג סע ווערט אַ ליד צעשטערט,
ניט לייכט די האַק דערגרייכט צום גיבורס קאַרק,
ניט פֿראָסט איז מאַכן נידעריק אַ באַרג,
ס'וואָלט מיט דער ליד אויך זיין צעשטערט די ערד;

פֿאַר טויט איז זי צו קאַרג — פֿאַר לעבן שטאַרק,
און וואָס פֿאַר אייך איז גלייך, — פֿאַר איר פֿאַרקערט,
ניט אויף קיין פֿויגל־מילך איז זי דערנערט, —
אויף פֿויגלשן געזאַנג, פּרווו און דערוואַרג.

די ליד קען איבערגיין איר יעדן וויי,
דאָך ניט אומזיסט, ווען סאָלאָווייען צוויי
פֿאַרמעסטן זיך אין זייער גאַנג און דראַנג,

איז ניט, חלילה, ביזן לעצטן קלאַנג,
נאָר ביזן לעצטן אָטעם פֿאַר געזאַנג,
און ווער ס'שטאַרבט, דער זיגער איז פֿון זיי.

2.8.1976

XXII

דער נעפּל און די פּאָעזיע

עס איז פֿאַר דער פּאָעזיע דער נעפּל
ניט יענער קלוג־פֿאַרפֿירערישער שלאַנג,
וואָס האָט פֿאַרכישופֿט חוהן מיטן עפּל, —
ער מאַכט נאָר בלינד דעם גאַנג פֿונעם געזאַנג,

ווי נאָר ער שטעקט אַרויס זיין טונקל קעפּל,
פֿאַרסמט צעקריגט אַ קלאַנג זיך מיט אַ קלאַנג,
צעבראָכן ווערט אַיעדער גאָלדן טרעפּל,
וואָס הייבט אונדז פֿון געדאַנק און צו געדאַנק ;

אונטער זיין בייזן בייסנדיקן טוי,
צעפֿרעסן ווערן אַלע זיבן פֿאַרבן,
אונטער זיין שלאַנגיק־רויכלדיקן גרוי

באַקומט די ליד אויף פּנים אירן קאַרבן,
אין פֿינצטערניש, — און בלאָנדזשענדיק אַזוי,
די מלכּה פֿון פּאָעזיע מוז שטאַרבן.

1976

XXIII

אָן אַ יורש

סע ווײַנט זיך מײַן געזאַנג, ער וויל אַ יורש,
זײַן עלטער איז דערפֿאַר אַזוי פֿאַרטרערט,
סע בענקט זיך זײַן נשמה ממש פֿויעריש
אויף גוטע הענט צו לאָזן זײַן שטיק ערד,

דערשטיקט מ׳האָט זײַנע פֿייגל אַזוי טכויריש,
און שטאַרבן שווער געווען איז זיי באַשערט
ניט אויף קיין בוים, — אין קעלערס מרה־שחורהיש,
איז ווער האָט זייערע עופֿעלעך דערנערט ?

דער הימל ניט געווען איז זייער וויגל,
די זון האָט ניט געלערנט זייערע פֿליגל,
און בלינד פֿאַר מײַן געזאַנג איז זייער קול,

און פֿאַרט אין זייער בלוט ער מוז דאָך ליגן,
און טוען ווי ווען זיי מיסתּם אַ מאָל,
וואָס זיי האָבן אַ ניגון אָפּגעשוויגן.

3.8.1976

XXIV

קאַסטאַליער קוואַל

אַ דאַנק פֿאַר לידער דיר, קאַסטאַליער קוואַל,
צו לעבעדיקסטע וואַסערן געהערסטו,
וואָס מער מע טרינקט פֿון דיר, אַלץ מילדער ווערסטו,
פֿון שפּרונג ביסטו דאָך דער נײַנטער באַל,

וואָס פֿריידיק מיט געזאַנגען טוט אַ שאַל;
דעם בענקענדיקן רוף פֿון האַרץ דערהערסטו,
וואַשסט אויס אונדז די מחשבה ווי אַ שטראַל,
דו גיסט איר קראַפט, איר ליכטיקייט פֿאַרמערסטו.

אין דיר זיך באָדט דאָס לייב די שיינקייט אויס,
אין דיר זי טוט זיך שפּילעווודיק אַ שפּיגל,
פֿון דיר זי גייט אַ פֿריילעכע אַרויס,
ווי ס׳גייט אַרויס די קינדהייט פֿון איר וויגל.

קאַסטאַליער קוואַל, געבענטשט זאָל זײַן דײַן שויס
פֿאַר לידער און פֿאַר כוואַליעס און פֿאַר פֿליגל.

1.8.1976

ליבע

XXV

דער לעצטער ריטער

סע שלאָפֿט ניט אין זיין שלאָס דער לעצטער ריטער,
פֿון זשאַווער טרישטשען שפּיזן, ווי די ריטער, —
דאָס קרעכצן, דוכט, צעבראָכענע געמיטער
נאָך שוין פֿאַרשפּילטע שלאַכטן אַזוי ביטער ;

זיין דאַמע, ווי אַ סאָד אַן אָפּגעשיטער
אין האַרבסט, איז טויט. אין האַרץ זיין צער זיך פּיטערט,
ער איז ווי גלייך אַ פֿעלד נאָך אַ געוויטער,
נאָר איינזאַמקייט און עלנט — זיינע גיטער.

פֿאַרשפּילטע צייטן, ער איז אייער היטער,
פֿאַרשפּילטע שטרייטן, אייך זיין לעבן גיט ער,
פֿאַרשפּילטע ליבע, נאָר פֿאַר דיר נאָך קניט ער.

ער איז אַ שטיין פֿון וועלט אָט דער צעשיטער.
איין גליק, דער באַרג, וואָס פֿאַלט פֿון ערדנ־ציטער,
מאָלט שאַרפֿער זיך ביז ווייַ אין לעצטן שפּליטער.

XXVI

דער טויט פון לעצטן ריטער

סע שלאָפט זיך ניט דעם ריטער אָט דעם אַלטן,
אין גרינבלעך־בלוי־און־רויטע טורעם־פענצטער
אָט דעמערן, דוכט, פינצטערע געשפענסטער,
אָט צינדן דאָרט זיך ליכטיקע געשטאַלטן,

און ס׳קומט זיין דאַמע שאָטנדיק דורך שפּאַלטן
און שעפּטשעט ווי ביים לעבן — ״ביסט מיין שענסטער
פון חנפינטל ביז וויע־האָר דער קלענסטער״,
און דאַן זיך שלייכט, דעם אָטעם טיף פאַרהאַלטן,

איר טויטער מאַן, וואָס קען אין גרוב ניט ליגן,
ווי איר געליבטער וואָלט אים ניט באַזיגן,
און יענעם שטעכט. ווען ס׳נעמט דער טאָג זיך וועקן,

מע זעט ביי אים אַ שפּיז אין האַרצן שטעקן.
צוקאָפּנס זיינע דינער שטייען טריבע,
דאָך שטאָלץ, וואָס ריטערס שטאַרבן נאָר פון ליבע.

5.9.1976

XXVI I

דער פאָלקסטימלעכער סאָנעט

וווּ זיינען יענע גלעקעלעך און פערד,
וווּ זיינען, מיידלעך, אַייערע צעפּ, ווי קרוינען,
וווּ זיינען יענע וועגן אויף דער ערד,
וווּ זענט איר מיינע יוגנטלעכע טרוימען,

וווּ איז זי, יענע ליד ? ווער וועט זי שוינען ?
און יענץ געלעכטער וווּ ? וואָס איז זיין ווערט ?
ניט פרעג, מיר זיינען אַלע דאָך פאַרשווינען,
וואָס קיינער האָט צוריק זיך ניט געקערט.

די גלעקלעך זיינען אָפּגעהילכטע יאָרן,
די מיידלעך — נאָר אַ ליבע אין זכרון,
די פערד — אַ וועג, וואָס מיר זיינען פאַרפאָרן,

דער טרוים — איז אונטער קאָפּיטעס פון פערד.
פון אַלץ, וואָס איז פאַרגאַן, בלייבט נאָר דער טרויער,
און זיינע גלעקער קלינגען אין מיין אויער.

7.8.1976

XXVIII

מורדיש און דאַנקבאַר

שענקסט, גאָט, מיר ליבע, די געליבטע נעמסטו צו,
מאַכסט שיין מיט רוחות זי און גיסט זי אָפּ דעם רוח,
דו פֿורעמסט אויס מיך, איך זאָל געטלעך זיין ווי דו,
רייסט אָפּ די טעג פֿון מיר, ווי בלעטלעך פֿון אַ לוח,

דו לאַכסט פֿון מיר, ווען איך מיט דיר פֿיר אַ וויכוח,
פֿאַר דיר אַן יינגל כ'בין אין אַלעס וואָס איך טו ;
אַלץ מיינס איז דיינס, כ'בין, דאַכט, ביי דיר דאָך אַ בטוח,
נאָר אָן דיין הערשן איבער מיר האָסט ניט קיין רו.

דו גיסט מיר ליידנשאַפֿטן נאָר צו פּלאָדיען ליידן,
דו גיסט אַ פּאָר מיר, דו זאָלסט מיך מיט איר צעשיידן,
און ביימער כאַוועסטו נאָר פֿאַר דעם ריס פֿון בלאַט,

און דו פֿאַרפֿולקומסט מיך, אויף שרעקלעכער צעברעכן,
נאָר אויב איין רגע מיין געליבטע כ'האָב געהאַט,
האָסט פֿאַר מיין פּיין מיט מיר זיך, גאָט, מיט גנאָד צערעכנט.

21.3.1976

XXIX

אַ קוש

ווי אויף אַ פידל, האָט אַ שפּיל געטאָן דיין קוש
מיר אויף מיין האַרצן מיט צוויי סמיטשיקלעך פון ליפּן.
וואָס איז דער חילוק ווער אויף ווען העגנט ווי פלושטש,
אַז ס׳פלעכטן, דוכט, זיך, ווי די לאָזעס, אונדז די ריפּן ;

נאָך מאָלט דער צער אונטער דיין אויג מיט שוואַרצן טוש
זיין ראָד, אַז דו זאָלסט יעדער פרייד אַריבערהיפּן,
נאָר אָנגעשפּיצט האָט שוין די ליבע יעדן חוש,
פאַר אירס אַ קנאָספּ אַ שטאָך צו טאָן מיט הונדערט שיפּן.

איז זי ביי אונדז, די גראָווע לייט, ניט צו געוואַגט,
צי איז ניט זינדיק אָט דער ברויז פאַר אונדזער קעלטער,
צי הייבט ניט אויף זיך שוין דאָס מעסער און די האַק

די יונגע לאָזעס אויסשניידן ביי אונדזער עלטער ?
איז קוש, מיט סמיטשיקלעך פון ליפּן אויף מיר שפּיל,
אַ ליבע שפּילט מען דאָך, דער קוש פון טויט איז שטיל.

10.6.1976

XXX

דערנידעריקונג

נאָר פֿאַר דער ליבע נייגן זיך איז זיס,
דאָס שטאָלצע האַרץ איז גרייט פֿאַר איר צו קניען,
מיר בייגן אָן דעם קאָפּ צו אירע פֿיס,
און ווייניק איז פֿאַר איר זיך אויסצוציען.

עס בייגט די קרוין דאָך אויס זיך אויף געוויס,
ווען פּירות אויף די צווייגן אירע גליען,
און ווער וועט זאָגן — קנעכטיש איז און מיאוס,
ווען ס'בייגט דער רוקן אויס זיך אויף צו מיען.

מיר בייגן זיך צו טרינקען פֿונעם קוואַל,
מיר בייגן זיך די זוים אין ערד פֿאַרזייען,
צו גריסן זיך, מיר בייגן זיך אין צווייען,

און שיין איז פֿון דער פֿרוכט צום גרונט דער פֿאַל,
און אויך ווען ס'פֿאַלט אין ים די פֿעלדזן — הליבע —
נאָר דו צו זיך דערנידעריק מיך, ליבע.

24.7.1976

XXXI

דער וועגווייזער

ס'איז עפּעס שטיל אין זיך דאָס האַרץ אַזוי,
אַז ווינטן ווייסן ניט וווהין צו ווייען,
דער טוי ניט טוט דעם גראָז זיך קיין פאַרטרוי,
און ס'לאָזט זיך ניט די זוים אין ערד פאַרזייען,

דער הימל ווייסט ניט — זיין צי בלוי, צי גרוי,
פאַרלוירן האָט די ליד דעם גאַנג פון רייען,
די וונד ניט ווייסט ווי היילן זיך, בלייבט רוי,
און נאָר אין קרייז די טויבן זיך נאָך דרייען.

קום, האַק פון מיר אַ טרער ווי פון אַ שטיין,
אָן ליבע איז די וועלט אָן זאַלץ, ווי אַייזן,
קום אָטעמען ביינאַנד, ווי טויבן קרייזן

און פאָכען און צעבלאָזן פון געביין
יענץ פייערל, וואָס קען אַליין נאָר ווייזן
דעם ווינט, דער ליד, דער זון וווהין צו גיין.

23.7.1976

XXXII

פּאַראַדאָקס פון לעבן

נאָר פון דער פרוי איך, מאַנצבל, קום אַרויס,
און די, וואָס מיך געבירט, זי איז מיין מוטער,
און שוועסטער ברענגט זי מיר אויף טרייסט אויף גוטער,
דאָך אייגענער מיר ווערט די פרעמדסטע בלויז,

די ווייטסטע איז מיר נאָענט ביז איר שויס,
נאָר אין איר שטורעם ווער איך אַ באַרוטער ;
ס'איז דאָ אַ גרונט, מיט אונדז זיין חסד טוט ער,
כ'זאָל זיין פאַר איר דאָס שטענגל, זי — מיין רויז.

און איז איר הויז, איר ערד מיר מיילן ווייט,
איז ליבער נאָך מיט איר זיך אָנצוקערן,
וואָס האַרבער צווישןביידע איז דער שטרייט,

אַלץ צאַרטער איינס דאָס צווייטע מיר באַגערן,
וואָס נענטער איך פיל זי ביי מיין זייט,
אַלץ מער זיך שרעקט מיין האַרץ זי אָנצווערן.

25.5.1976

XXXIII

פאַרהימלט

נו גיי דערציייל אַצינד, איז וועט מען לאַכן,
ווי איך נאָך דיינע טריט בין אויסגעגאַנגען,
כ'בין ווי אַ הימל איבער דיר געהאַנגען,
קיין דונער אויף דיין קאָפּ ניט לאָזן קראַכן,

מ'יין האַרץ זאָל זיין דיין זון אויף אַלע שליאַכן,
ס'זאָל גרינג זיין דיינע מיידלשע פאַרלאַנגען
דאָס טעלערל פון הימל צו דערלאַנגען,
מיין אויג זאָל ווי דיין שטערן דיך באַוואַכן.

כ'האָב דיך געמאָלט אויף וואָלקנדלעך אויף ראָזע,
געזוכט דיך אונטער צעפּ פון דער בעריאָזע,
ביי פּושקינען איך האָב דיך אויסגעלעזן,

דיך אָנגעטאָן אין שטערנדלעך פון בעזן.
גיי און דערציייל אַזוינס, איז וועט מען שפּעטן,
דערפאַר איך זינג, ווי ס'טוען עס פּאָעטן.

21.8.1796

XXXIV

EROS

די בייט אונטער דייַן בויך איז הויך און רונד,
דיין בייט איז אויך די רויז אין יונגן פלאַקער,
פונקט ווי עס בענקט מיין פריִלינג נאָך דיין גרונט,
אַזוי־אָ בענקט דיין באָדן נאָך מיין אַקער,

און וואָס דאָס מעסער טיפער שניידט די ווונד,
אַלץ פולקומער די פרוכט איז און געשמאַקער,
זאָל זיין געלויבט דער וואָרצל און געזונט,
ער ברענגט דיר טוי, וואָס איז פון שלאַקסן שטאַרקער,

זאָל זיין געבענטשט דיין דאָרשטנדיקער שניט,
וואָס עפנט ווי דאָס וויגל זיך פון צוויט
אויף אויסצוהוידען טריי אין זיך די פּירות ;

זיין מעוברת דעקט שוין די עבירות,
און אַלע רויטע פלעקן פון דער זינד
מאַכט הייליק סיי די ליבע סיי דאָס קינד.

1.6.1976

XXXV

"א פּעלער"

כ'האָב ניט געוווּסט, אַז ליבן איז אַ שאַנד,
אַז ליבשאַפט האָט אַ פלאַם אין זיך אַ פרעכן,
אַז ס'קען אַ קוש די הייליקייט פאַרשוועכן,
אַז פאַר אַ גלעט קומט אָפּהאַקן די האַנט,

אַז אויב דער בליק מאַכט אונדז צום גליק באַקאַנט,
איז דאָ אַ דין — דאָס אויג אונדז אויסצושטעכן,
אַז ס'איז דאָס האַרץ אין גאַנצן איין פאַרברעכן,
ווייל נאָר פאַרקאָכט צו זיין איז עס אומשטאַנד,

אַז ווייל די ליבע שטעלט זיך קעגן טויט,
אַ טויטלאַגער פאַר איר איז אויסגעבויט,
און ווייל מיין דעך אין טייערער זיך קלאַמערט,

מע דושעט מיך דערפאַר אין גאַזנקאַמער,
גיי ווייס, אַז נאָר פאַר ליבן אויף דער ערד,
צו לעבן דעם פאַרליבטן איז פאַרווערט.

30.5.1976

XXXVI

נאָך אַ פּאָגראָם

דער אומגליק האַלט די מיידלעך אין איין יאָגן
פון שטעטעלעך, זיי לויפן אין איין העמד,
זיי זעען אויס דערשלאָגן און פאַרטראָגן
ווי פון דעם זין, חלילה, און פאַרשעמט.

די מומעס מיינע בייסן זיך די הענט :
— אוי זאָלן זיי כאָטש ניט פאַרגיין אין טראָגן.
פאַראומגליקלעכט, פאַרחושכט און געשענדט
זיי זיינען, ווי פאַר זיי וואָלט מער נישט טאָגן.

היי, רצחים, מאַראַוויכערס, וויטערפּאָליעס,
דערנידעריקט סע שטייען אויך ביים טאָל
פון שטעטעלעך די זילבערנע טאָפּאָליעס,

וו ס׳פלעג די יוגנט ליבן זיך אַ מאָל.
די ווערבע, דוכט, שרייט אויך ווי אויף אַ קול :
— פאַרגוואַלדעוועט די שיינקייט איז פּאַדאָליעס.

8.8.1976

XXXVII

בראשיתדיקס

שוין ניט פֿאַרשטיינערט ווייזט מיר אויס די ערד
פֿון זינט עס האָט דיין שיינקייט זי באַטראָטן,
ווי גלייך דו וואָלסט דעם ריזן־שלאַנג צעטראָטן,
וואָס האָט מיט סם המות זי געגערט,

איר ברוסט איז ווי אין דיינער שוין געראָטן,
איר גראָז איז ווי דיין אויג מיט טוי פֿאַרטרערט,
ווי אויסוויינען דעם צער וואָלט איר געראָטן
און זי האָט צו איר אָנהייב זיך געקערט,

און איך בין נאָך פֿאַר ליבע נאַקעט־האָריק,
און ס'איז מיין האַרץ פֿאַר בושה נאָך אייניאָריק,
און יעדער פֿאַלשע פֿרומקייט איז אונדז פֿרעמד,

מיר ווייסן נאָך ניט פֿון קיין פֿייגנבלעטער,
און כ'קניע נאָר פֿאַר דיר, נישט פֿאַר קיין געטער,
און קוש דעם אָנהייב־לעבן ביי דיין לענד.

4.6.1976

XXXVIII

דיין חן

דיין חן מיך פּאַנגט און וואַרגט מיין האַלדז אַזוי,
אַז ס׳אָטעמט זיך מיר הימלדיקער, גרינגער,
לעם דיר סע וויל זיך זיין אַ צאַרטער זינגער,
ווייל ס׳איז איין ליד אין גאַנצן דיין געבוי.

מיר זאָגן דיינע גלידער ביז שפּיצפינגער
דריי הונדערט מאָל און מער, אַז ביסט אַ פרוי,
כ׳בין ווידער נעבן דיר געוואָרן יינגער
און אומבאַהאָלפן יינגלשדיק אַזוי.

מיין שוואַכקייט ביסט, וואָס מאַכט מיך אַזוי שטאַרק,
מיין ים דו ביסט, וואָס ער איז אויך מיר קאַרג,
פון דיר כ׳בין אויסגעשניטן ביז די ליפּן,

ווי דו פון מיינע אַלע, אַלע ריפּן
מיט אַלץ, וואָס אונטער זיי איז דאָ נאָר צאַרטס,
איז ווער זשע קען עס לעבן אָן אַ האַרץ ?

25.5.1976

XXXIX

דיין שניידנדיקער בליק

מיין האַרץ מיר פערטל מיט דיין שאַרף פון בליק,
איין פערטל זאָלסט פאַרשליידערן אין ים,
די צווייטע טייל דו וואַרף אַריין אין פלאַם,
די דריטע קער צוריק מיר צו מ׳יין וויג,

די פערטע לאָז מיר ליגן ביי אַ בריק.
אויב ליבע ביטער איז ווי זאַפט אין שטאַם,
צונויפוואַקסן זיך קען אַ שטיק מיט שטיק,
אַז בלייבן אויפן האַרץ זאָל נאָר דער שראַם: —

איין האַרצטייל איז אין ים דאָך אויסגעווייקט,
די צווייטע איז דער פייער־פלאַם אַליין,
די דריטע ביי דער וויג זיך לערנט גיין,

צו דיר אַ בריק די פערטע ווידער לייגט,
און ס׳קערט צו דיר זיך גאַנץ דאָס האַרץ צוריק,
צעשניידן זאָלסט עס ווידער מיט דיין בליק.

25.5.1976

XL

צו מיין שילערן

דערמאָן איך זיך אין דיר, פֿאַר גליק כ׳וויל וויינען,
כ׳האָב צווישן צוויי מלחמות דיך געטראָפֿן,
כ׳בין צווישן טויטן צוויי ווי דורכגעלאָפֿן,
כדי אַ ליד פֿון פּושקינען דיר לייענען,

און אַז זאָלסט אויף דיין לערער, קינד, ניט מיינען,
אַז האָסט גאָר אויף אַן אומלייט אָנגעטראָפֿן,
געוואָלט כ׳האָב פֿון דיין שיינקייט זיך אַנטוויינען
און אויך פֿאַר ליבן דיך דאָס האַרץ באַשטראָפֿן.

און אָט, די שול דו ענדיקסט, רופֿסט מיך טאַנצן
און מאַכסט צו מיר — „אַך, ווי די יאָרן שוועבן,
פֿאַר וואָס האָסטו איין קוש מיר ניט געגעבן ?"

געענטפֿערט כ׳האָב דיר נאָר מיט פֿייכטע בליקן :
— אַן אַנדערן געהערן וועסט אין גאַנצן,
נאָר קיינעם וועסט ווי מיך שוין ניט באַגליקן.

20.4.1976

XLI

דער באַזיגטער

מיין קאָפּ פאַרדריי, מיין וועלט פאַרדריי,
דו גיב אַ שליידער מיך צום נידער,
מיין האַרץ טוט וויי, מיין בלוט טוט וויי,
ס'איז ענג דער ליבע אין די גלידער,

ווי ס'וואַרגט דעם פויגל אָן די לידער,
ווי ס'שטיקט דער ווינט זיך אָן דעם וויי,
און ווי ס'בענקט צו ווערן ווידער
אַ רוישיק רעגנדל דער שניי.

פאַרצי מיין אָטעם מיר, פאַרצי
מיט דיינע אָרעמס, ווי מיט תליות,
פאַרשליס מיר מיט אַ קוש די וויעס,

ס'זאָל דאַכטן מיר, ס'איז אַלץ נאָך פרי,
און שטעל מיין האַרץ אַוועק אויף קניעס,
אַז איך דערגרייכן זאָל דיין גלי.

17.4.1976

XLII

דער הומאָריסטישער סאָנעט

דאָס לעבן גייט אונדז דורך נאָר אויף דער ערד,
ערשט נאָכן טויט מיר הימלדיקע ווערן.
פּונקט ווי דער רויך פון ים אַ וואָלקן ווערט,
מיר הויכן אויך זיך אויס דורך לעצטע טרערן.

און נאָר אין ליבע קומט עס פאָר פאַרקערט:
ס׳איז וויל אונדז מיט דער הייך זיך אָנצוקערן,
זיין איינער פאַר דעם אַנדערן אַ שטערן,
אונדז די לבנה מיט איר ברוסט דערנערט.

נאָר וואָס מיר פליען אין די ספערן העכער
און וואָס מיר טרינקען מער פון ליבע־בעכער,
אַלץ מער פאַרלירט די הייך פאַר אונדז איר ווערט,

מיר רייסן אָפּ זיך פון לבנה־שטראַלן,
און זיס איז דער נשמה אין איר פאַלן,
די ליבע רייפט, מיר פאַלן אויף דער ערד.

23.7.1975

XLIII

צווײ אָטעמס

ווען פֿאַרליבט עס קושן זיך צווײ אָטעמס,
זײנען זײ שוין מער ניט אויפֿן ווינט,
ווען עס פֿלעכטן זיך צונויף די שאָטנס,
גרינגער איז דעם לעבן ווערן לינד.

וואָס האָסטו זיך אָפּגעקערט, מײן קינד,
דיך האָט גאָט פֿון מיר דאָך אויסגעקנאָטן ;
אויב פֿאַרשידן מוז מען זײן פֿאַר זינד,
מאַכט די ליבע בײדע אונדז געראָטן.

ווער סע זוכט די ליבע נאָר אין נידער,
האָט אין טאָל איר שאָטן נאָר דערקענט,
מיר האָבן געזונגען איר נאָר לידער

ביז איר זון האָט הויך זיך ניט צעברענט,
מיר פֿאַרליבטע בלײבן שוועסטער־ברידער,
כאָטש צו ליבן קומט מען פֿון דער פֿרעמד.

19.4.1976

XLIV

סאָנעטן פון פּרוכטיקער ליבע
ווי אַ פּרי אונטער אַ בלאַט

דאָס גרינע קלייד רוישט אַלץ מיר, ווי אַ רעגן,
אַליין דער פרילינג האָט עס אויפגענייט פון גראָזן
און אָנגעקליידט דיין לייב, ווי אַ קאַיאָר אַ ראָזן,
און ס'איז דיין יוגנט מיר אַרויסגעגאַן אַנטקעגן.

דיין יוגנט האָט מיר אויסגעבלימלט מיינע וועגן,
אַ שיינע טאָכטער פון דער ערד מיט האָר צעלאָזן,
ווי זאַנגען גאָלדענע פון ווינטהויך דורכגעבלאָזן,
וואָס זיינען גרייט אונטער דעם סערפּ זיך שוין צו לייגן.

דאָס גרינע קלייד, וואָס האָט אין זיך אַ רויש אַ זיסן,
דיין לייב עס פלעגט אַמאָל דיר צניעותדיק פאַרדעקן,
נאָר דער פאַרליבטער ווינט, וואָס וויל פון גאָרניט וויסן,

וואָס טראָגט אין זיך צעגליטע קערנער פון עבירות,
ער האָט יענץ קלייד דיר פונעם לייב אַראָפּגעריסן
און האָט אַנטפּלעקט פאַר מיר דעם גנאָד פון דיינע פּירות.

XLV

דער טייך פאַרכליניעט זיך

דער טייך פאַרכליניעט זיך מיט דיר, מיט דיינע לוסטן,
ער לויפט דיר נאָך און שענקט דיר וועלן, ווי קאַרעלן,
ביי ברעגן, היימישע, ווו דו ביסט מיר געפעלן,
מיך ציט צו דיר, ווי צו אַ ים אַן אומבאַוווסטן.

דו ביסט מיין לייכטטורעם, וואָס ווינקט צו מיר דורך גלוסטן,
און אויך מיין שיפעלע אויף אונטערוואַסער־שוועלן.
אָ, זאָג, ווו הייבן אָן אין טייך זיך זיינע וועלן,
און זאָג, ווו ענדיקן אין טייך זיך דיינע ברוסטן.

איך שווים דיר נאָך, און דו — דו פירסט מיך, ווי אַ שטערן,
און אויך אין טייך מיר האַלטןביידע אין איין פלאַמען,
אָ, לאָמיר אָפּשווימען אַ וועלט מיט דיר צוזאַמען,

זיך ווי אַ כוואַליע מיט אַ כוואַליע אָנצוקערן.
און ווי אַ שטערן ווייזסטו אָן די טיף אין ימען,
אַז טיף, אָנברעגיק זאָל מיין ליבע צו דיר ווערן.

XLVI

דאָס דריטע פּייער

אַ צוגעבונדענער צו דיר, בין איך נאָך פרייער,
דו ביסט מיר קיין מאָל ניט קיין איבעריקע לאַסט,
איך קום צו דיר ניט ווי קיין אָוונטיקער גאַסט
אויף אויסצונאַרן ביי דיין לייב אַ טראָפּן פּייער.

מיין טאָג פאַרגאַנגענער — ער ווערט דיר נאָך געטרייער,
מיין בליק איז זאָרגפול, טיף אין דיינעם איינגעפּאַסט,
ווי גלייך צוויי פּייערן מיר האָבן זיך פאַרקנסט,
אין דיר מיין וועלט האָט זיך צעהעלט אומענדלעך, טייער.

דאָס דריטע פּייער צווישן מיר און דיר שוין בלענדט,
מיר האָבן ביידע עס אין ליבשאַפט אָנגעצונדן,
און דורך דיין מוטערטראַכט אין אייביקייט פאַרבונדן,

דאָס קינד שוין וואַרעמט מיינע פאָטערלעכע הענט.
דאָס וואַקסט דער בוים, וואָס ברענט און ווערט דאָ
ניט פאַרברענט,
אויך ווען מיר ווערן אונטער אים ווי אַש פאַרשוווּנדן.

XLVII

דאָס שוועלבעלע פון זיין

מיין האַרץ, מיר הייבן אָן מיט דיר צו ליבן דאַן,
ווען עס פאַרשטעלן ניט די כמאַרעס אונדז דעם רוים,
ווען עס פאַרשטעלן ניט די בלעטער אונדז דעם בוים.
ווען עס פאַרשטעלן ניט די וועלן אונדז דעם ים.

ס'האָט מיין געליבטע אין איר לייב אַ הויכן פלאַם,
וואָס לאָזט ניט אויסקילן אין הימלען זיך מיין טרוים,
וואָס טראָגט די וואַרעמקייט פון ערדן צו מיין קרוין
און וואָס באַשיינט מיט צווייגן, אייביקע מיין שטאַם.

מיר אויפגעשלאָסן האָט מיין ליבע איר געצעלט,
איר פענצטער אָפן איז פאַר שוועלבעלעך פון זיין,
און אויף איר שוועל שוין שטייט די מוטערלעכע פיין,

און יידע בעטן מיר מיט הערצער אויפגעהעלט:
„קום, ערשטלינג צאַרטער, גיי אין לעבן אונדז אַריין,
אַז אונדזער ליבשאַפט זאָל אַריינגיין אין דער וועלט".

XLVIII

צווישן דער פלייט און דעם קאַנאָן

דורך בלאָנדן קראַנץ, געפלאָכטענעם פון לאָקן,
אַ שטיל געזאַנג צום אויער דיינעם גרייכט שוין זעלטן,
פאַרלוירן האָסט די פלייט פון זינגענדיקע וועלטן,
צערודערט געוואַלדעווען איצט נאָר די שטורעמגלאָקן.

און אַלע נאַכט דערטראָגט דער ווינט צו דיר דערשראָקן
אַ שאָרך פון ליפּן בלאַס־פאַרטריקנטע, וואָס שעלטן,
אַ שלוכץ פון היימלאָזע, פאַרקאָוועטע אין קעלטן,
אַ שטויב אַ רוישיקן פון פאַלנדיקע שטאָקן.

און ווי אַ פידעלע צעבראָכן ווערט דיין פּנים,
וואָס האָט געשפּילט פאַר מיר, ווי זומער אַ באַגינען,
איך וואָלט מיט לידער אויסגעהיילט דיין טרויער־מינע,

דאָס שענסטע דיר פאַרגינען, ווען כ׳וואָלט קאָנען,
נאָר מיר באַשערט איז איצט די פלייט צוריק געפינען
אין לאַנגע אויסגעשטרעקטע העלדזער פון קאַנאָנען.

XLIX

דער הייסער פּאָדעם

איין הייסער פּאָדעם האָט געקניפּט אונדז און געבונדן,
ווער האָט דעם לעבעדיקן שנור איבערגעשאָכטן,
ווער האָט אַ שטריק פון אים אַ גרויען אויסגעפלאָכטן
אויף צו פאַרציען דיר דיין האַלדז דיין ערדיש־רונדן?

וו ביסטו, טייערע, וווהין ביסטו פאַרשוווּנדן,
צי לעבסטו דאָרט אונטער דעם הימל דעם פאַריאָכטן,
צי טראָגסט אין וואַלד זיך מיט אַן אָטעם אַ צעפּאָכטן,
צי האָט דיין פּנים זיך ביים צאָרן אָנגעצונדן?

דיין ברוסט געווען איז ווין אין צווייענדיקן בעכער,
וואָס האָט געבענקט נאָך שטייפע ליפּעלעך פון קינדער,
צי דען האָט אויסגעזשליאָקעט דיך דער הויטן־שינדער?

אַ, ניין, די ווײַנטרויבן פון ליבע וואַקסן העכער!
טאָ פיר מיך, ליבע, מיט די בערג צו וואָלקן־הייכן,
איך זאָל צום פיינט ווי גלייך אַ דונערשלאָג דערגרייכן.

אין די נעגל פון אַ שפּאַרבער

אָט שטרעקט דער הימל אויס אַ קרומען שוואַרצן נאָגל —
דאָס שניידט אַ שפּאַרבער זיך אַריין אין אַ לעוואַדע
און רויבט אַ ציגעלע אַ קלאָר־ווייס ביי דער סטאַדע,
און ס'שיט זיך וואָל, ווי ווײַנשלצוויט אונטער אַ האָגל.

אויף פרעמדע פליגל שוועבט דאָס ציגעלע פאַרוואָגלט,
און פּיסלעך הוידען אין דער הייך זיך נע־ונדע,
און נאָר זיין פעל וועט זיך שוין אומקערן אַוודאי,
ווי אַ צעריסענער און אויסגעזויפטער לאָגל.

אַזוי ביי דיר, אָ, יונגע פרוי, האָט אין פרימאָרגן
דער ברוינער וורדאַלאַק דאָס קינד אַרויסגעריסן,
אין בלויע אָדערלעך די ציין אַרייינגעביסן.

אָ, ניין, דיין צער איז ניט צו היילן מיט קיין זאָרגן,
אין גרויסער ליבע גרויסער צאָרן איז פאַרבאָרגן,
און אונדזער האַרץ איז אָפן אים שוין אויסצוגיסן.

LI

דער שטיין פון מיין היים

דער שטיין פון אונדזער היים אַז ווייך פאַר מײַנע טריט,
מיין ערשטער שפּאַן אויף זיינע פלייצעס ווערט געבאָרן,
מיין לעצטער אָטעם ווערט אונטער זיין ברוסט פאַרלאָרן,
און ער האַקט אויס פון זיך אַ דענקמאָל מיין געמיט.

און יעדן וועג מיינעם צו אים, צו אים נאָר ציט,
דער קלאַנג פון היים מיך רופט פון ווייטן, ווי אַ האָרן,
און אונטער שטיין מיין ליפ טאַפּט אָן אַ קוואַל אַ קלאָרן,
מיר שמעקט דאָס זאַמד אויף אים ווי שטויבעלעך פון צוויט.

דו, פעסטער שטיין, מיין עלטער־זיידעשי, מיין גרייז,
אויך פאַר מיין אייניקל דו טראָגסט שוין פונקענווייז
דאָס היימלעך פּייערל, די וואַרעם פון געצעלט.

דו — מיין געלעגער נאָך אונטער בראשית־הימל,
מיין האַרץ האָט דעמאָלט שוין דערפילט אין טיפן דרימל,
אַז דו שפּאַרסט אונטער מיר דעם אָנהייב פון מיין וועלט.

LII

מיט לייב און אײַזן

אין איינעם אַ קאַיאַר פון שפּעטן האַרבסט,
ווען בלעטער רויט אויף צווייגן שוין דערבערענען,
האָט לאַנג אין אַש געפּאָרפּלט זיך מיין האַרץ
און ניט געקענט דיך, אַלטער שטיין, דערקענען.

איין זייט איז דיר אין פלאַם געוואָרן שוואַרץ,
די צווייטע — גרין, פון מאָך אַרומגענומען,
די דריטע — ברוין פון מענטשלעך בלוט פאַרדאַרטס,
פון בלוט פאַרדאַרטס! ווער ווייסט, ווער ווייסט פון וועמען?

וואָס שווייגסטו שטיין? פאַר מיר האָסטו דאָך רייד,
ביסט דאָך פאַר מיר אַ ווינקלשטיין אין טורעם.
אין דיר — דער פונק, אין לייב מיינעם — דעם שטורעם,

און אַלץ איז גרייט אויף אָנצוצינדן פרייד,
נאָר צורירן דעם האַמער שטילערהייט —
און רויע וועלטן גאַרן נאָכן פורעם.

LIII

אין רעכטן וועג

אין רעכטן וועג פיר דו, מיין האַרץ, מיך פאַר דער האַנט —
דורך שטעטלעך חרובע, וווּ וויסטע נעכט געוווערן,
דורך דערנער אָנגעשטעלט, ווי הערנער צו די שטערן,
דורך דערפער, פעלדער אָנגעצונדענע אין בראַנד,

דורךווילדע ווינטן, אָנגעלאָדענע מיט זאַמד,
וואָס שטעכן אויס דאָס אויג און ברענען אויס די טרערן,
דורך זומפּ, וווּ עקדישן מיט אָדלערס זיך דערנערן,
דורך טאָל, וווּ ליבע איז דערנידעריקט צו שאַנד,

דורך גהינום־אויוונס און ברוין־העמדלדיקן שׂטן,
דורך ווענט באַנעגלטע מיט שטעכנדיקע דראָטן,
גיי שטאָלץ, מיין האַרץ, און לאָז די האַנט מיר ניט אַרויס,

מיין האַנט מיט דיינע בלוטן זאָלסטו בענטשן,
מיט דיינע פייערן דעם וועג זי ריייניקט אויס,
וואָס ליגט פאַרויס און פירט צוריק, צוריק צום מענטשן.

LIV

ווער נעלם, בייזער גייסט

דער בייזער גייסט געוואָלט האָט איינקריצן אין זין,
אַז ס'איז די גאַנצע וועלט ניט מערער ווי אַ מום,
אַז ס'איז די גאַנצע ערד ניט מערער, ווי אַ תחום,
אַז ס'ליגט אין ווינקעלע פון יעדן האַרץ אַ שפּין,

אַז נאָר פון גאַל עס זיינען אַלע בלעטער גרין,
אַז אַלעביימער זיינען קוליעס אין אַרום,
אַז יעדער באַרג איז נאָר אַ האָרב אונטער דער זון,
אַז נאָר אין בוינעס וועט געפורפורט דער באַגין.

ווער נעלם, בייזער גייסט, דיין וואָרט איז טויט און פראָסט,
און אויף דעם שטאָל פון העלדנמוט ווילסט ווערן ראָסט,
נאָר ס'האָט די האָפענונג אין מיר ניט אָפּגעגרינט,

נאָך דאַרף געבוירן מיין געליבטע מיר אַ קינד,
אַז איך זאָל זיין מיט יעדער גרעזעלע פּאַרקנסט,
אַז ווערן זאָל די גאַנצע וועלט מיין הויזגעזינד.

1941—1944

LV

סאָנעטן צו קלארען

אויף דער גרינער לאָנקע

ווען איך בין שוין געזונקען אונטער אייז,
דו האָסט ווי אויסגעהאַקט מיר אַ פּאַלאָנקע.
דערזען כ'האָב דיך צום ערשטן מאָל אין קרייז
פון וועלדל צווישן לופטלעך אויף אַ לאָנקע.

ווי האָט געקענט אין גרויסשטאָט אוראַלט־גרייז
אַ וועלדל מיט אַ לאָנקע זיך פאַרבלאָנקען ?
פאַר וועלכן לייד און וייטעקלעכן פרייז
האָט מיך די וועלט מיט דיר, מיין טויב, באַשאָנקען ?

ווער האָט פאַר מיר נאָך ליבע, גרינס, פאַרהיט ?
דאָס האָב איך ניט דערוועגט זיך גאָר צו פרעגן.
דיין קרוין פון האָר האָט אויף דיין קאָפּ געבליט,

מיין הערשערן, געגאַן ביסט מיר אַנטקעגן,
אַריין אין האַרץ, דאָרט וו ס'איז טיף דער שניט,
ווייל נאָר די ליבע יעדער וונד פאַרציט.

LVI

לופטבלעזלעך פאַרפליען

דאָס גרינע ווינקעלע וווּ דו ביסט איינגעשטאַנען,
וווּ כ'האָב צום ערשטן מאָל דערזען דיין ליב געשטאַלט
און וווּ עס איז אַזוי פיל גורלדיקס פּאַראַנען,
וועט אויך די גרויסשטאָט דאָך פאַרגיסן מיט אַספאַלט.

ניין, ס'וועלן לופטבלעזלעך, וואָס פליען אָפּ אין וויאַנען,
מסתמא אויך אויף זיך פאַרשלעפּן ווי מיט גוואַלד
אי יענע לאָנקע אי יענץ אַלטע שטיקל וואַלד
און שוין אויף שטענדיק זיי אַוועקטראָגן פון דאַנען.

נאָר וווּ צעוווייט ס'וועט אונדזער ווינקעלע ניט ווערן
אויף אָט די בלעזעלעך — אויף רויכעלעך פון האַרבסט —
צעשפּרייט אויף וואַסערן, אויף ווינטן צי אויף שטערן,

דו וועסט מיט דעם אַלץ איינס שוין בלייבן אין מיין האַרץ,
ווייל אָט די לייכטזיניקע לופטבלעזלעך פאַרבלאָנקען
און נאָר די ליבע בלייבט געטריי דער גרינער לאָנקע.

LVII

זאַפטן פון לעבן

ס'האָט יעטוועדער פון אונדז זיין העלפט פאַרלוירן,
ווי האַלבע ביימער זיינען מיר פאַרבליבן,
דער טויט האָט אונדזער קרוין ווי אָפּגעשוירן
און אין אַ טריבן ווינטער אונדז פאַרטריבן;

נאָר ס'זאָל די טרייסט ניט ווערן אונדז פאַרפרוירן —
מיר האָבן זיך אויף סניי צו זון דערקליבן.
ס'האָט יונגטגרינס אין אונדז גענומען יוירן,
ווי דעמאָלט ווען דו קערסט זיך אום צו ליבן,

ווי דאַן ווען ס'וועבט דאָס לעבן אויס דורך ווייען
איין גאַנצן מענטש פון אומגליקלעכע צווייען,
ווען ליפּן פיר שוין ווערן ווי איין רויז,

ווען אויגן פיר — איין טרער דאָך זיינען בלויז,
וו ס'שפּיגלען אָפּ זיך הערצער שוין פאַראייניקט,
ווען אויך פיר הענט אויף גלעטן זיינען ווייניק.

LVIII

די כמאַרע

ס'איז נאָך פון דיר ניט אָפּגעגאַן די כמאַרע,
נאָר ס'גייט שוין אויף דאָס טרייסטנדיקע ליכט
אויף דיין זיך שטענדיק בייטנדיק געזיכט,
וווּ אייביק בלייבט דיין גינגאָלדענע מראה ;

אַט פאָלן שוין פון דעם ווי צווייגלעך דאַרע
די רונצעלעך פון צער, וואָס אַלץ פאַרניכט,
און דיינע אויגן מאַכן שוין אַ וואַרע
פאַר ערשטע שמייכלען. אוי, ווי אומגעריכט

דיין פּנים שטראַלט אַט מיידלש, ווי אַ בלימל,
אַט מוטערלעך, ווי גלייך אַן עפּל, רייף,
אַט טרויעריק, אַט שפּילעווּדיק, אַט שטייף,

אַט שטורמיש־שיין, ווי ס'איז אַמאָל דער הימל.
דיין חן אויף דעם אַזוי פיל מינעס טרייבט
און נאָר דיין טריישאַפט ניט געענדערט בלייבט.

LIX

די קרויזן אויף דיין האַלדז

עס ליגן קרויזן אויף דיין האַלדז, אַזוי ווי שאָף,
און אויף דיין שטערן האָבן האָר זיך אויפגעפליגלט,
ווי גלייך אַן אָדלערן וואָס וועקט זיך פונעם שלאָף,
אין זיי די שטילקייט און דער שטורעם איז פאַרזיגלט ;

די נאַכט פון ליבע האָט אין זיי זיך אָפגעשפיגלט,
דער שווערער טאָג זיך ניט דערוועגט זיי מאַכן גראָוו,
ווי אין זיין נעסט עס שפילט אין זיי דער ווינט זיך ס'רוב
און ס'וויגט די זון איר שיין אין זיין ווי אין אַ וויגל.

דו דאַרפסט קיין שפילקעס ניט, קיין קאַמען ניט, קיין ציר,
אַליין גאָטס אָטעם אויסגעקעמט האָט דיינע לאָקן,
כ'האָב אַזוי מורא זיי צו געבן אַ באַריר,

ווי שאָף ניט אויפוועקן זיי זאָלן זיך דערשראָקן,
מיין האַנט זיך היט צו דיינע קרויזן אויסצוציען,
ס'זאָל, ווי אַן אָדלער, זייער שיינקייט ניט פאַרפליען.

1973

LX

ביים זונפאַרגאַנג

מע זאָגט, די זון פאַרגייט אין מיינע שויבן,
נאָר ס׳וועלן זיך צוריק, ווי סטאַדעס שאָף,
נישט קערן מיינע טעג שוין אויך אין שלאָף...
גיי שטאַרב, אַז כ׳האָב ערשט ליבן אָנגעהויבן.

ווי לאָזעס זיינען אָדערן נאָך בלאָווו,
נאָך פול דאָס האַרץ איז, ווי אַ גראָנע טרויבן,
און ס׳דאַכט, מיר איז נאָך ווייט צום חודש אָב,
און כ׳האָב מיין פרוכט נאָך ניט צונויפגעקלויבן.

די אויגן ווילן נאָך ניט זיין פאַרמאַכט,
כ׳האָב אָפּגעלעבט אַ וועלט — נאָך נומער אַרגער,
איצט וויל איך זאַמלען זשעדנע, ווי דער קאַרגער,

דאָס גאָלד פון טאָג, דעם זילבער פון דער נאַכט,
כדי דאָס אַלץ דער ליבער צו צעטיילן,
ס׳זאָל שווער זיין מיינע אוצרות איבערציילן.

6.8.1976

LXI

ניט אָפּצולעשן

צום ערשטן נעמען פֿלאַקערן די ליפּן,
דאָס האָט דער קוש די ליבע אונדז צעבלאָזן,
און אָט, ווי שפּענער, גליען שוין די ריפּן,
ווי ס'וואָלט דאָס האַרץ זײַן פֿלאַם אויף זיי געלאָזן,

און פֿאַלן מיר צו קילן זיך אין גראָזן,
עס הייבן אָן אין זיי די זאַפטן שיפּען,
ווי פֿעדים זיי אונדז מיט דער ערד פֿאַרקניפּן,
נישט אָפּצולאָזן ביז קאַיאָר דעם ראָזן.

מיט אַלץ, וואָס טריפֿט אין אונדז און קען אין גיכן
דורך ליידנשאַפֿטן ווערן אויסגעזויגן —
פֿון טרערן פֿון געזאַלצענע אין אויגן

ביז האָניק־טראָפּן זיסן אין די דיכן —
מיר לעשן אָט די ליבע — די מכשפה —
נאָר פֿון דעם לעשן שטאַרקער ברענט די שריפֿה.

4.4.1976

LXII

ווי אַ שייטער

מיר ברענען אויס אויף תאוות, ליידנשאַפטן,
אויף אונדזער אַטעם זיינען מיר דער שייטער,
אין אים מיר וואַרפן אונטער אַלץ פאַרשייטער
די אַדער־צווייגן, ביינער און די האַפטן,

די ליבע זשליאַקעט אויס פון אונדז די זאַפטן;
מיר שטערבן אין איר פלאַם צו זיין געלייטערט,
נאָר ווערן ווי אַ רויך פון זיך דערווייטערט.
ס'איז אונדזער שטאָף און זיינע אייגנשאַפטן

קיין אייגנס ניט און מוז פון אונדז פאַרפליען;
און אַלץ אין האַרץ — פון בלוט און ביז די טרערן,
און אַלץ אין גוף — פון שאַלעכץ ביז דעם קערן —

נאָר העלפט אין אונדז די ליידן לענגער טליען.
ווי אַ שייט האָלץ, מע גיט אונדז די געוועבן,
און אויסברענען מיר מוזן אויף צו לעבן.

16.4.1976

LXIII

פאַרשעמטקייט

איך בין נאָך אַזוי יינגלשדיק פאַרשעמט,
ווער בייגט עס מיך צו דיר אַזוי אַראָפּ?
די ליבע האָט געגעבן אַ פאַרלענד
ווי ביי אַן אָקס מיין יונגטלעכן קאָפּ.

מיין בליק איז מיט געבעט צו דיר געווענדט,
און כאָטש דיין האַנט מיט רוגזה שטויסט מיך אָפּ
און ס'טוט דיין אויג אַ מעסערדיקן בלענד,
נאָר אין דעם שניט זיך עפנט דאָך דיין גאָב.

און ווי דערנאָך ניט זיין זאָל גרויס דיין גנאָד,
און ווי ס'זאָל דיך ניט אויפשפּאַלטן דערנאָך
דיין ליידנשאַפט פאַר מיר ביז לעצטן קנאָך,

דו בלייבסט פאַר מיר פאַרמאַכטער פון אַ סוד,
ווייל אַלץ, וואָס כ'נעם ביי דיר, די ליבע נעמט.
כ'בלייב אייביק ווי אַ קינד פאַר דיר פאַרשעמט.

4.4.1976

LXIV

דער ליבע־ציטער

ווערווייסט, ווער ווייסט וואָס הייסט דער ליבע־ציטער,
ווער קען דען זען זיין יעדן ווענד און קער,
ער איז דאָך אַזוי זיס און אַזוי ביטער,
ער וויגט זיך צווישן שמייכל און דער טרער,

ער שמייסט אונדז ווי אַ קאַט מיט הייסע ריטער
און ווי אַ כוואַליע קילט ער דעם באַגער,
דאָס האַרץ ער שניידט אונדז שטאַרקער פון געוויטער,
ער נעמט אַראָפּ דעם שטיין, וואָס בייגט אונדז שווער,

ער וואַרפט אויף אונדז אַ פּחד ביז צום שטומען
און פון זיין קעלט עס קלאַפּן אונדז די ציין,
ער הוידעט אונדז אין גליקלעכע אַרומען.

ווער קען אין אָט דעם ציטער דען פאַרשטיין,
צי איז צו אונדז די ליבע שוין געקומען,
צי קלייבט זי זיך פון אונדז אַוועקצוגיין.

7.7.1976

LXV

מיטן וועג פון דער טאָפּאָליע

צו יענעם קליינעם שטעטעלע אין טאָל,
וואָס אויסגעוויגט אויף גראָזן האָט פּאָדאָליע,
עס ציט דאָס האַרץ נאָך אַלץ זיך ווי אַמאָל,
כ'פלעג גיין אַהין ווי בלינדערהייט, פּאַוואָליע,

(דער גליקלעכער ניט ווייסט פון מאָס און צאָל),
דעם וועג האָט מיר געוויזן די טאָפּאָליע,
און כאָטש עס קלינגט איר זילבער־בלאַט מ'יט שטאָל,
ניט זי האָט אָנגעזאָגט מיין שווערע דאָליע,

נאָר צו מיין ליבער מיך געפירט אַליין,
צו יענער, וואָס זי איז מיט רוחות שיין,
אַזוי האָבן געזאָגט אויף איר דאָך אַלע.

צי האָסטו מיך געפירט, טאָפּאָליע, הויך,
אַז כ'זאָל דערזען: מיין שטעטל און מיין כלה
אַוועקגעגאַנגען זיינען מיטן רויך.

21.12.1976

LXVI

די סטענגע

די לאַנגע סטענגע פֿונעם טונקל־רויטן זייד
אַרום דיין קאָפּ פאַרבינדן פלעגסט מיט חנען זיבן,
ווי זי וואָלט צוגעקניפּט צו דיר דיין יוגנט־צייט,
ווי ס'וואָלט איר העלקייט אַלע גרויקייטן פאַרטריבן,

און אויסגעזען זי האָט אי פייערדיק־פאַרשייט,
אי עפּעס ערנסט אין איר אָפּגוס אין איר טריבן,
און אויף אַ קרייז אַזאַ מין ענגן אָנגעדייט,
ווו איך אין אים וועל אַזוי גורלדיק דיך ליבן.

פאַרכאַפּט די סטענגע דיינע האָר האָט, ווי אַ קראַנץ
פון רויזן רויטע, וואָס אין פעלד האָסט מיט אַ טאַנץ
זיי אָנגעריסן און געפלאָכטן מיט געזאַנגען;

מיט איר געפאַנגען האָסט מיין האַרץ פון ערשטן בליק,
מיט איר מיר האָבןביידע זיך געשטיקט פאַר גליק,
אויף איר דו האָסט, ווי אויף אַ שטריק זיך אויפגעהאַנגען.

30.3.1976

LXVII

גורלדיקס

זאָגסט, אַז פון שלאָף פאַרצווייפלט אָפט איך שריי.
כ׳זע ווי דער שד דיך וויל אין זומפּ פאַרפירן.
וואָס מער דו טוליעסט איין אין מיר זיך טריי,
אַלץ מערער האָב איך מורא דיך פאַרלירן;

וייל ביסט מיין ווייב, כ׳קען דיך ניט ליבן פריי,
פון הייסן קוש מ׳יר ציטערן און פרירן,
און ווען מיר ווערן איינס, איז נעם איך שפּירן,
מע נעמט דיך צו, אין וואַסער פאַלסט ווי בליי...

וואָס מער דו בליסט, אַלץ מער איך פיל דיין וויאַנען,
וואָס מער ביסט דאָ, אַלץ מער ביסט ניט פון דאַנען,
און קלאַפּט דיין האַרץ, מיר דוכט — דיין גורל קלאַפּט,

כאַפּסט מיך אַרום, מ׳יר דוכט — דער טויט דיך כאַפּט,
וייל ליבע איז פאַר געטער אַ פאַרברעכן,
אַ שטאַרקע ליבע מוזן זיי צעברעכן.

1975

LXVIII

אין ליבע אויסרונען

די זומער־נאַכט האָט אונדז מיט ליבע אָפּגעבריט,
מיר זיינען אָפּן ווי די וווּנד פון ליבע־ליידן,
אַריין מיר זאָלן איינס אין צווייטן דורך אַ שניט,
אַז קיין שום ווייטעק זאָל ניט קענען אונדז צעשיידן.

דער אָטעם שטיקט, ער דריקט צונויף אונדז אַזוי ביידן,
אַז ס'קרעכצט פאַר ענגעניש דער הימל אין דער מיט ;
דאָס שטאָלצע אָדלערישע האַרץ פאַר דיר שוין קניט
און קען צו דיר מיט טויבן־וואָרקעניש נאָר ריידן.

ווי בליצן נעמען מ'יר אַרום זיך אַזוי לינד,
אַזש ביז אַ זיפץ אין אונדז דעם דונער צו דערשטיקן,
כדי אַ כליפּע טאָן מיט רעגן און מיט ווינט,

אין ליבע אויסרונען, צעווייען זיך, ווי גליקן ;
אויב אונדזער ליבע האָט דער הימל אויסגעטרערט,
איז מוזן דאָך פאַרליבטע פאַלן אויף דער ערד.

21.3.1976

ישראל

LXIX

סאָנעטן צו ישראל

ישראל, ביסט ווי יענער ערשטער אָטעם,
ווען מ׳ווייסט אַליין נאָך ניט ווי ער איז טייער
און אַז דערנאָך צו אָטעמען נאָך פרייער
וועט קיין מאָל שוין אין לעבן ניט געראָטן ;

ישראל, ביסט מיר איצט דער לעצטער אָטעם,
ווי אים צו לאָזן שווער איז אומגעהייער,
אַזוי איז לאָזן זיך צו דיר, מיין טרייער,
איך בין פאַר דיר און דו פאַר מיר פאַרבאָטן.

נאָר ווער עס קען דיין לופט — דיין פרייהייט שעצן,
דער וואַרט ניט אויף דער גאָב פון ווינט פון לינדן.
איך וועל מיין ערשטן אָטעם מיט דעם לעצטן

אין אַזאַ שטורעם, בענקענדיק, פאַרבינדן,
אַז ער וועט אַלע וואָלקנס דורכשלאָגן
און ווי אַ רעגן מיך צו דיר דערטראָגן.

LXX

אַרומגעשניטן מ׳האָט דיין ערד מיט ווט,
געעפּנט אויף דיין טויער אַלע שלעסער,
געמאַכט דיך ווי אַ שמאָל צוויישאַרפיק מעסער, —
מ׳יין פאָלק אויף דעם זאָל אָפּגיין מיטן בלוט,

צעהאַקט זאָל זיין דיין ווייַנשטאָק, ווי אַ רוט,
און ברויזן זאָל דיין וויין אין שונאס פּעסער,
ס׳זאָל גרינגער זיין דעם ווילדן מענטשנפרעסער
צעברעכן, ווי אַ דינע שפּיז, דיין מוט.

נאָר ווער ס׳האָט ווי אַ מעסער דיך פאַרשמאָלט,
אַרויף איז אויף דער שווערד, וואָס האָסט געשטאָלט,
געשמעלצט אין פלאַם פון האַרצן ווי אַ גיבור,

פאַרהאַרטעוועט אין ים, געשלייפט ביים זאַמד,
צום שלום־ראַנד געבראַכט זי, ווי אַ וואַנט,
אויף קינדערלעך פאַרשטעלן פון די גריבער.

LXXI

פאַר מיר שוואַרצחנעוודיק דיין ערד איז, ווי שולמית,
און דיינע ווייגערטנער און שעפּעלעך אין סטעפּ
זיך קרויזלען אויך, ווי אויף איר קאָפּ די קרענץ פון צעפּ,
און ווי איר קוש, דיין גוטע פּרי אויפן טעם איז,

און ווי איר שרפנדיקע ליבע אויך דיין פלאַם איז,
נאָר ווען איר מיידל־האַרץ זאָל זיין מיט זיבן קעפּ,
איז ביסטו מער! ביסט פון אַזאַ מין זון געוועבט,
אַז דו ביסט מיר, ווי גלייך אַ בריוועלע דער מאַמעס.

אוי, וואָס זשע שטייט אין אָט דעם בריוועלע געשריבן?
עס איז געשריבן מיט דעם אות, וואָס רופט זיך "טרער",
דו רופסט צו זיך, כ'זאָל ביי מיין לעבן זען דיך, ליבן,

און ס'איז דיין זאָרג און ס'איז דיין איינציקער באַגער,
איך זאָל צו דיר, צו מיין אומשטערבלעך־גרויסער מאַמען
ווי אַ בן חלוף חס ושלום ניט פאַרזאַמען.

LXXII

מײַן פֿאַסטעכקע, מײַן שיר־השירים־טויב,
סע וואָרקען דײַנע בריסטן, ווײַנען, ברומען,
וואָס ס'איז צו דיר דײַן ליבער ניט געקומען;
ער ליגט פֿאַרוווּנדעט ערגעץ שווער, אין שטויב,

פֿון יענע, וואָס זײַ יאָגן זיך נאָך רויב.
נאָר אויב מ'האָט אויך זײַן לעבן צוגענומען,
וועט אויף דײַן רוף זײַן וועלט ניט בלײַבן שטומען,
ס'האָט נאָך קײן שאָס קײן ליבע ניט פֿאַרטויבט.

ניט ווײַן, מײַן טויב, צעברעך זשע ניט דײַן שטים,
סאָפּילקעס זײַנען אַלע זײַנע גלידער,
און ווי דו טוסט אַן אָטעם נאָר אויף אים,

זײַ שפּילן ווידער שוין די ליד פֿון לידער,
וואָס איז פֿון יענעם אײביק האַרץ געבויט,
אַז אָפּרופֿן זי קען פֿון יעדן טויט.

LXXIII

צום כותל המערבי
(טרילאָגיע)

.1

ביסט טראָץ יאָרטויזנטער, מיין וואַנט, געבליבן שטיין,
זיי האָבן מאָך אויף דיר געלאָזט און זייער מראה;
אַ יעדער וואַרפט לעם דיר אַראָפּ פון האַרץ זיין שטיין,
מע וואָלט פון זיי געקענט דיך בויען ביז דער כמאַרע.

ווער שפּאַרט ניט אָן אויף דיר זיין צער און זיין געוויין,
סע קנייטשן אַלע דיינע שפּאַלטן, דוכט, זיך שטאַרע,
ווי דו וואָלסט זיין דער שטערן גאָר פון פאָלק אַליין, —
אָט, אונטער דיר דאָך בליצן אויגן זיינע קאַרע.

מיט טרער פאַרבאָרגענער כ׳וואָלט נעבן דיר אויך וויינען,
אַז אונטערמוליעווען איך זאָל ניט דיין יסוד,
כ׳וואָלט נעבן דיר פון האַרץ געוואָרפן בערג מיט שטיינער,

נאָר ניט אויף אויפשטעלן דיין מיקדש אין מיין שטאָט;
דו ביסט אַזאַ מין אויסגעוואַשענע און ריינע,
אַז בלייבסט דאָס היכל שוין דאָס איינציקע פאַר גאָט.

LXXIV

.2

פון וועלכן צאַרטן שטיין ביסטו געמאַכט,
וואָס נאָר פאַר דיר האָב איך מיין האַרץ געעפנט?
כ׳וואָלט דיך באַצירט מיט שענסטע באַרעליעפן,
נאָר וואָס איז דיר די אויסערלעכע פראַכט,

אַז ס׳איז אַריינגעפּאַסט מיט אַזאַ מאַכט
אין אַלע דיינע שפּאַלטן, ווי אין נעפּן,
דער פּערל, וואָס אין ים איז ניט צו טרעפן, —
די טרער, וואָס אונדזער פאָלק האָט דיר געבראַכט?

דערפאַר דער מינדסטער שטיין אין דיר ניט שווייגט,
דו ביסט היינט זאָט מיט יענעם הונגער־שטרייק,
וואָס פאַר מיין גורל פירן מיינע ברידער;

היינט קומט מען מיט געזאַנג צו דיר צוגיין,
דו ביסט געווען די וואַנט פון מיין געוויין,
איצט ביסטו שוין די וואַנט פון גאָלע לידער.

LXXV

.3

דו ביסט די וואַנט פון פאָלקישע געזאַנגען,
מיט קעמפערישע הענט, מיט הייסע קעפ
איז ביסטו שוין אין גאַנצן איצט באַקלעפּט,
ווי גלייך מיט קרענץ פון וויינטרויבן און זאַנגען,

מיט ברויזנדיקער יוגנט ביסט באַהאָנגען,
מיט מיידלעך ווי מיט צוויט דו ביסט פאַרוועבט,
מיט קינדער, ווי מיט בלעטעלעך, באַלעבט —
באַהויכט ביסטו מיט אונדזערע פאַרלאַנגען.

ביסט אונדזער באַריקאַדע און באַלעמער,
דו ביסט דער ריז, וואָס נעמט אויף זיינע אַקסלען
די זון מיט דער לבנה, ווי צוויי עמער,

און דו באַגייסט מיט זיי מיין גייסט, מיין ערד,
אַז אַרום דיר זאָל נאָר די פרייהייט וואַקסן,
ס'זאָל זיין די ליכט דיין איינציק־איינע טרער.

LXXVI

צו ירושלים

ס'האָט אין זיין זנות געוואָלט דיך טרענקען בבל,
דער יוון איבערמעקן האָט געוואָלט
דיין פייערדיקן גייסט, וואָס האָסט מיט גאָלד
און הייליקייט פאַרשריבן אויף דיין טאָוול,

ס'האָט רוים געוואָלט דיך מאַכן פאַר אַן אָבל,
האָסט זיך דעם מאַוור ווי אַ מעטשעט געמאָלט,
פון דיר אַן אָרון שמידן האָט געזאָלט
פאַר קריסטוסן דער ריטער, ווי אַ קאָוועל,

אַ ווילדקע נאָר געווען ביסט פאַר דעם טערק,
פאַר דעם בריטאַן — אַ בלוטמאַרק צווישן מערק,
נאָר דו, ווי שטענדיק, בלייבסט ירושלים,

דו שטייסט אין הימל הויך אויף דיינע בערג,
און ווייל דו ביסט פון גאָט און פאָלק דאָס ווערק,
דו רעדסט מיט גאָט און מיט דיין פאָלק דיין פרייען.

LXXVII

ט״ו בשבט

ווייל גליקלעך איז דער טאָג אונדז אויסגעפאַלן,
איז היינט פאַר פלאַנצן ביימער מילד דער וועטער.
סע זעצט דאָס פאָלק, סע שרייבט מיט יונגע בלעטער,
מיט וואָרצלען־פענען, איינגעטונקט אין קוואַלן,

זיין גרינענדיקן גורל אונטער שטראַלן,
מיט זיינע הענט, ווי שאַפנדיקע געטער,
סע קערט שוין איבער גלייך ווי מאָרגן־בלעטער,
די שיכטן ערד, ס׳זאָל גאָרניט גיין פאַרפאַלן.

״מה נאה אילן זה״..., ווו רידלעך טאַנצן
אונטער די פיס, ווי שיין איז אָט דער בוים,
וואָס זינגענדיקע קינדערלעך פאַרפלאַנצן;

אַזוי פאַרפלאַנצסט, ישראל, אויך דיין טרוים,
און ס׳איז שוין פון דער טיף ביז הימל־רוים
איין וואַקסנדיקער וואַלד מיין פאָלק אין גאַנצן.

LXXVIII

דער פֿאַרבענקטער צו ישראל

זעץ איין אַ בוים דאָרט אויך פֿון מיינעט וועגן
אין מידבר, צי אין וואַלד, צי אויף אַ באַרג,
אַלץ איינס וועט ער אַזוי דאָך וואַקסן שטאַרק,
ווי שטאַרק מיין בענקשאַפֿט איז נאָך דיינע ברעגן,

גיב דאָרט מיר טוי, דאָ האָב איך ניט קיין רעגן,
גיב דאָרט מיר לופֿט, מיין אָטעם דאָ זיך וואַרגט,
גיב דאָרט מיר זון, דאָ ליכט פֿאַר מיר מע קאַרגט,
גיב דאָרט מיר גרונט, דאָ וויאַנען מיינע וועגן.

פֿאַרזעץ אַ בוים פֿאַר מיר, ווי גלייך מיין צווילינג,
אַ העלפֿט פֿון מיר אין אים זאָל זיצן פֿעסט,
אַז ס'זאָל צו אים מיין צווייטע העלפֿט אין פֿרילינג

פֿאַרפֿליען, ווי אַ פֿויגל צו זיין נעסט.
דער פֿויגל קען אָן בוים ניט לעבן לאַנג,
און ס'שטאַרבט דער בוים אָן פֿויגלשן געזאַנג.

LXXIX

ישראל, פאַר מיין זעל ביסט אויסדערוויילט,
ווי קען מען דיר באַצאָלן פאַר דיין שיין,
און פאַר דיין ברעג, דיין דאַך און פאַר דיין וויין,
און פאַר דיין ברויט, וואָס האָסט מיט מיר געטיילט,

און פאַר דיין גרינס, דיין וואַסער און דיין אייל,
און פאַר דיין שווייס, דיין רויז און פאַר דיין ליין,
און פאַר דיין ווונד, דיין זיג און פאַר דיין זיין,
און פאַר מיין האַרץ, וואָס האָסט מיר אויסגעהיילט.

נאַר אויב אָן לידער שניידט מען ניט דאָס ברויט,
און אויב אָן הימנען זיך דאָס לאַנד ניט בויט,
אויב אָן דער וויגליד עלנט וויינט די נאַכט,

אויב אָן געזאַנגען גייט מען שווער אין שלאַכט,
אויב אָן דער תפילה טריקנט דער געמיט,
איז מעג איך דיר באַצאָלן מיט אַ ליד.

LXXX

באַיאָרטערהייט טוט ווײ צו דיר זיך קערן,
פאַר ערשטער ליבע לעצטע יאָר דען סטייען?
ווערסט מוזן מיר אַ ביסל צייט אנטלייען,
איך דאַרף דאָך ערשט ביי דיר אַ תלמיד ווערן.

און אָט דיין הייליק לשון כ׳לערן גערן,
און ווי איך נעם דעם זין פון וואָרט צעקייען,
הייבט אָן פון מיר די עלטער אָפּצוטייען
און ווי אַ קינד דערפיל איך זיך ביז טרערן,

ווייל אומגעקערט איך האָב זיך צו מיין וויגל —,
אַזוי איז אויך דאָס אָנגעדרינדזשעט קריגל,
ביי זיך אין קוואַל אי גאַנץ אי פול עס ווערט.

מיין גילגול איז, ישראל, אויך דיין גילגול,
האָסט אויך דאָך מיט דיין שטאָם און מיט דיין ערד
צוריק זיך צו דיין קינדהייט אומגעקערט.

LXXXI

אַ צוגלופּט בעת אַ שטיקנדיקער צייט
האָט אַזוי ווילד אונדז אויסגעקרומט דאָס פּנים,
אונדז אויסגעדרייט דעם מוח אויף דער זייט,
מ'ויר זאָלן זיך אַליין שוין ניט דערקאָנען.

ווער ס'קריוודעט אונדז, דער איז פאַר אונדז אַ לייט,
ווער ס'לייקנט אונדז, דער איז פאַר אונדז אַ נאָמען,
און ווער עס וויל אונדז זען פון יאָך באַפרייט,
דער איז פאַר אונדז ווי גלייך פון ערגסטע שונאים.

ווי גלייך אַ שוואַרצע קאַץ, אַ ליקוי חמה
אויף קיילעכער פון אונדזער מאַרך ליגט,
אַז מיט די פיס מיר טרעטן שוין די מאַמע

און זיינען מיטן אייגן העמד צעקריגט.
ישראל, אוי, דער זינען איז אונדז קראַנק,
גיב אונדז דיין ליכט צו היילן דעם געדאַנק.

LXXXII

אויפֿן וועג קיין ישׂראל

מיר זיינען שוין אַליין אַ מאָדנע וואַלד,
דאָרט שרייען ווילדע תּאוות, ווי די סאָוועס,
אונדז אויס דעם טויט פֿאַר ליכטיקע מחשבֿות,
קיין פֿויגל־ליד אין אונדז שוין מער ניט שאַלט.

מיר האָבן מיט דעם שטאַם געשפּילט קאַטאָוועס,
דערפֿאַר אין אונדז אַ יעדער צווייג זיך שפּאַלט,
אין וויג פֿון אונדזער צוויט די פֿרוכט שוין גראָוו איז,
דער קנאָספּ אין אונדז אַן אַסיענדיקער פֿאַלט.

ווי קענען מיר מיט ערד און הימל דופֿטן,
אַז ס'שמעקט פֿון ביידן דאָ שוין ניט מיט היים,
אַז מיט די וואָרצלען הענגען מיר אין לופֿטן,

די קרוין מיט אירע פֿייגלען זינקט אין ליים.
ווייט פֿון דיין גרונט, קאַפּויר וואַקסט אונדזער וואַלד,
קער אום דעם וואַלד צוריק זיין גרין געשטאַלט.

LXXXIII

זיי מוחל מיר, דו ווייסט דאָך, ניט אומזיסט
בין איך אַזוי פאַרשוואַרצט שוין פון לאַנגאָנען,
אָט דער, וואָס האָט קיין ערד ניט אונטער פיס,
ביי דעם עס ליגט די ערד שוין אויפן פנים.

איך קום צו דיר פון גריבער פינצטער, וויסט,
באַהאַנגען כ'בין מיט שלענג און סקאָרפּיאָנען,
איך בין אַזוי אין אַש, אין ליים, אין מיסט,
אַז קענסט אויף מיר דעם טויטלאַגער דערקאָנען.

דאָס מיסט אויף מיר פאַרברענט אויך ניט דער פלאַם,
דאָס אַש פון מיר ניט קען דער ווינט פאַרקערן,
סע שווענקט ניט אָפּ דאָס ליים פון מיר דער ים,

מיין חושך זייפט ניט אָפּ דער מאָרגנשטערן;
אַרומוואַשן, ווי גלייך אַ קינד, מיך ריין
קען שוין, ישראל, נאָר דיין ערד אַליין.

LXXXIV

דער מאַן, וואָס מ׳האָט דערנידעריקט צום וואָרעם,
גראָבט אויס צו דיר דורך הײלן זיך אַ שטעגל
און באַרוועס שפּאַנט דורך תּפֿיסות, תּליות, קבֿרים,
ער ווייסט ניט פֿון קיין צוים דיין עולה רגל: —

אַ פעלדז אין וועג, — ער האַקט אים דורך מיט נעגל,
און צווישן אַייז ער איז דער ווינט פון דרום,
דער ים מיט אָפּגרונט דראָט, — איז ער אַ זעגל,
און אויך אין מידבר פילט ער זיך ניט אָרעם.

און קומט צו דיר דער מאַן, וואָס האָט דיך ליב,
ניט מיט קיין מילך און האָניק, וויין און טרויבן
איז וועסטו אים דערקויבערן, דערהויבן,

אַ רידל און אַ פידל אים נאָר גיב —
אַ רידל, — ער פאַרפלאַנצט אין דיר זאָל וערן,
אַ פידל, — דו זיין וואַקסן זאָלסט דערהערן.

LXXXV

צו דער פֿאָלקס־פּאַן

מײַן פֿאָן ביסט הויך, בלוי־הימלדיק דו בלענדסט,
אַז כ׳זאָל ביי זיך שוין ניט געפֿאַלן ווערן,
דײַן מגן דוד שטראַלנדיק צעברענסט —
אַ סימן אַז ס׳איז אויפֿגעגאַן מײַן שטערן.

כ׳באַפּוץ דיך ניט מיט סאַמעט און מיט פֿרענדז
פֿאַר קיין מוזיי, זאָלסט מויל מיט זיך דערנערן,
אין שטייג עס ווערן פֿאָנען פֿעט, ווי גענדז,
און קענען מער קיין שטורעמס זיך ניט ווערן.

צעריסן ווערסטו נאָר ניט אויפֿן ווינט,
און עלטערסט זיך ניט, ווען דו שפּאַנסט מיט צייטן,
פֿאַרנייגסט זיך נאָר, ווען העלדיש פֿאַלט דײַן קינד,

און גאַנץ דו בלייבסט, פֿאַרווונדעט נאָר אין שטרייטן,
אַליין נאָר דײַן באַפֿרייענדיקער פֿלאַטער
וועקט אויף מײַן האַרץ, וואָס איז ביז טויט פֿאַרמאַטערט.

LXXXVI

ס׳איז ניט פֿאַרוועוועט צו דיר דעם פֿויגל פֿליען,
(נו זאָל ער זיין פֿאַר דיין קאַיאָר דער זינגער),
ווי פֿריי צו דיר דער ווינט מאַכט זיין נסיעה,
(טאָ זאָל ער דיר דיין אָטעם מאַכן גרינגער.)

פֿולברוסטיק מעג צו דיר דער וואָלקן ציען,
(נו זאָל ער גלעטן דיך מיט רעגן־פֿינגער),
פֿאַרווייען קען דער בלומען־שטויב בעת בליען
צו דיר (טאָ זאָל זיין רויז דיך מאַכן יינגער).

און נאָר מיין ליד פֿאַר דיר, וואָס זי פֿאַרמאָגט
דעם פֿויגלשן געזאַנג, בשעת עס טאָגט,
דעם אָטעם פֿונעם ווינט, די ליכט פֿון בלומען,

די זוים, מיט רעגנטוי אַרומגענומען,
דערצו אַ האַרץ, וואָס נאָר פֿאַר דיר זיך שלאָגט,
זי קען דערווייל צו דיר נאָך אַלץ ניט קומען.

LXXXVII

וואָרצלען

מיין נחלה ליגט בשכנות מיט אַ קראַטער,
דאָרט ווינט דער שד, סע וואַרפט מיט זיינע ביינער,
ער שפייט מיט אַש, מיט פייער און מיט שטיינער,
דעם הימל ברענט ער אויס, דעם באַרג ער מאַטערט.

עס שפּאַלט מיין ערד זיך, וויגט זיך, ווערט זיך, פלאַטערט
און האַלט זיך מיט דער קראַפט דער אייביק־שיינער:
איך הער אין איר ניט אויף צו זעצןביימער
איר מוטער־טראַכט ניט ווערן זאָל צעפּטרט,

ווייל שטאַרקער פון קיין וואָרצלען קען ניט קיינער
פאַרנייען אַלע ריסן אין מיין באָדן
און אָפּצאָלן דעם גאָרטן פאַר זיין שאָדן, —

זיי הייבן אויף אַ וואַלד אַנטקעגן שטיינער,
דעם רויך מיט מחנות בלעטער זיי באַפאַלן
און קעגן פייער עפענען זיי קוואַלן.

LXXXVIII

פראַגעס

איז פעסט שוין דאָ אַ באַרג אין רוים אין העלן,
ווו איך אויף אים, ניט ער אויף מיר זאָל שטיין,
אַ טייך, וואָס זאָל דערטרענקען מיך ניט וועלן,
נאָר אָפּשווענקען דעם יאָך פון מיין געביין,

און לופט, ווו ס'זאָל מיר אָטעם ניט פאַרפעלן,
און ברויט, וואָס שטייט אין האַלדז ניט ווי קיין ביין,
און זאַלץ, וואָס בייסט מיין ווונד ניט, ווי מיט ציין,
און ליכט, ווו כ'דאַרף מיין פנים ניט פאַרשטעלן,

און ערד, ווו מ'ע פאַרגראָבט ניט מיינע טרוימען,
און וואַסער, וואָס פאַרשלעפט ניט מיינע זוימען? —
און אָן אַ סוף כ'וואָלט פראַגעס נאָך געשטעלט,

אַז כ'האָב מיט דיר דורך אַזאַ ווילדער וועלט
זיך ווידער נאָך צוויי טויזנט יאָר באַגעגנט,
איז ווייניק מיר פיר קשיות נאָר צו פרעגן.

LXXXIX

מיט פוסטע הענט צו פאָרן איז ניט שיין,
כ'וואָלט מיטנעמען פון אַלע זיבן זאַכן
דעם דניעסטער פון מיין קינדהייט גאָר געהיים
מיין קומען זאָל דיין ירדן פולער מאַכן ;

צי מיטנעמען די גראָזן, וועלכע וואַכן
ביים טאַטנס קבר, ווי זיין גרוס דיר, היים,
צי מיטנעמען פון האַרץ דעם איידלשטיין,
וואָס כ'האָב פאַרלוירן דאָ אויף אַלע שליאַכן ?

כ'וואָלט ראשית־חכמה מיטנעמען געזאָלט
די אייניקלעך, דעם זון — מיין קרוין אין בליען,
וואָס איז פאַר דיר אויך טייערער פון גאָלד,

נאָר נאָך דעם שטאָם וועט אויך די קרוין זיך ציען,
די צייט צעשניידט ; ניט זיי אויף מיר באַצאָרנט,
אַזוי איז שוין, דער דיכטער גייט פון פאָרנט.

1973

XC

א מאראנצן-סאָד אין הרצליה

ישראלדיקעביימער

פרעלודיע

ליבע צו דעם בוים, וואָס וואַקסט אויף פעלדזן,
צו דעם בוים, וואָס גרינט אויף זאַמדן — לויב,
דער ערשטער מוז דעם שטיין מלחמות מעלדן,
דער צווייטער קעמפט מיט שיטיקייט פון שטויב;

זיי ווייסן ניט, אַז זיי דאַך זיינען העלדן,
און כאָטש ס'איז אונטער זיי דער גרונט באַרויבט,
זיי טרייבן זאַפט ווי פון די רייכסטע פעלדער
ניט ערגער ווי די לאָזע צו דער טרויב.

דעם באַרג־בוים קען דער מינדסטער ווינט צעברעכן,
דעם מידבר־בוים פאַרשלינגען קען די טיף,
און וויפל ס'קאָסט די וואָרצלען יעדער טריף, —

דאָס בלייבט דערווייל נאָך אַלץ ניט אויסגערעכנט.
און ווייל זיי זיינען אומבאַרעכנט־צאַרט,
האָב איך מיין האַרץ אויף זיי נאָר אָנגעשפאַרט.

XCI

מײַן מאַראַנצן־גאָרטן

װען ס'נעמט די פּרוכט אַראָפּ דער רײַכער אײגנטימער
און לײדיק בלײַבט דער סאָד, װי אַ פאַרלאָזטער שלאָס,
װוּ אױסגעטרונקען איז דער װײַן פון לעצטן כּוס,
װוּ אָן דעם לעבעדיקן קול איז אַלעס שלימער,

דאַן קום איך שטיל אַהער, װי גלײַך אַ מידער שװימער,
און לײג אַװעק זיך, װי אַ שאָטן, אױפן גראָז,
און װער דער אײנציקער שוין ברײַטער באַלעבאָס
אױף דרײַ פאַרבליבענע מאַראַנצן, — פול מיט שימער.

זײ הענגען הױך אַזױ בײַם גאָרטן אױף דער שװעל,
אַז קײן שום זשעדנעקײט עס קען זײ ניט דערלאַנגען:
מיט אײנעם צאָלט דער בױם דעם פױגל פאַר געזאַנגען,

דעם צװײטן האָט פאַר זיך די שײנקײט זעלבסט געפאַנגען,
און ס'איז דער דריטער, װאָס איז מער פון אַלע העל,
אַלײן דאָס האַרץ דאָך פונעם סאָד, זײַן מילדע זעל.

1975

XCII

אונטער טרויעריקע קיפּאַריסן

אַ פֿאָלק אַ טרויעריקס זיי זיינען דאָך אין גאַנצן,
די קיפּאַריסן, זייער קרוין דעם עלנט שטריקט,
ווי ס'וואָלט גאָר עמעצער דעם אומעט דאָ פֿאַרפֿלאַנצן
אַרום דעם קבר, וווּ זיין ליבע טויט שוין ליגט;

נאָר ס'איז גענוג דורך זיי אַ וואָרף צו טאָן אַ בליק,
דו זאָלסט מיט פֿרייד דערזען אַ סעדל, וווּ עס גלאַנצן
די קרוין לבנהדיק און זוניק די מאַראַנצן,
ווי לעמפּ, וואָס ווייזן דיר דעם וועג צו ערדיש גליק.

דער סאָד מיט מוטער־שווערע בריסטן אַזוי גליט,
אַז אים פֿאַרברענען קענען איבעריקע שטראַלן,
אַז פֿון אַ מינדסטן ווינט צעבראָכן קען ער פֿאַלן,

נאָר קיפּאַריסן אים באַשירעמען, מע היט.
אַזוי צום פֿריילעכן מאַראַנץ — מע דאַרף עס וויסן —
דאָ פֿירט דער וועג דורך טרויעריקע קיפּאַריסן.

1975

XCIII

אויסגעקאָרטשעוועטע ביימעלעך

אין ענגן רוים מיין גאָרטן ווערט דערשטיקט,
זיין ערד ניט קען דאָ יעדן בוים דערנערן,
ס'וועט בלייבן דער נאָר, ווען מען ס'האָט געגליקט,
און ווען מען ניט, וועט אויסגעריסן ווערן.

אָט האָט זיך ערשט אַ ביימעלע געוויגט,
נאָר ניט געוואָלט, ווייזט אויס, זיין שכן שטערן,
און ליגט ניט ווייט פון גרוב, שוין אויסגעפליקט,
און שיט אַראָפּ די בלעטעלעך, ווי טרערן.

און אויסגעקאָרטשעוועטע, נאָכן טויט,
מיט מענערישע וואָרצלען, וואָס זיך גלייכן
אין וווקס צו זייער קרוין־געצווייג דעם רייכן,

מע פלעכט פון זיך דעם גאָרטן אויס אַ פלויט.
אָט דאָס הייסט זיין אַ גוטער בוים אַן עכטער,
ער איז אַליין דער סאָד, אַליין דער וועכטער.

20.7.1975

XCIV

צווישנצייט אין גאָרטן

פון שניט ביז צוויט איז אין דעם גאָרטן צווישנצייט,
די צווייגן פלעכטן מער אַליין זיך ניט, ווי קווישן,
און ווי זיי וואָלטן זיך אין זייער קראַפט אַנטווישן,
זיי ברעכן זיך, פון זייער ליבער לאַסט באַפרייט.

וואָס ערשט געווען ס'איז דאָ, איז נאָגנדיק שוין ווייט,
און וואָס ניטאָ איז נאָך, מע הערט אין קרוין, דוכט, רוישן,
און דאָס פאַרגאַנגענע זיך פרווט מיט צוקונפט טוישן,
דער אַלטער בוים מיט נייע פייגל עפּעס שרייט.

ווען ס'שטייט אַ ליידיקער דער סאָד, מיין האַרץ ווערט פול,
איצט איז פאַר גיריקייט דאָ ענג אַזוי דער גבול,
און צווישן האַרבסטיקע און פרי־יאָריקע רוימען

איז פריי פאַר בענקעניש, פאַר האָפענונג, פאַר טרוימען.
דאָס איז מיין צייט, ווייל ווי די פרוכט נאָר צייטיק ווערט,
איז מיר אַריינגיין אינעם גאָרטן שטרענג פאַרווערט.

7.10.1975

XCV

צום מאַראַנץ

ווי האָסטו פון דער צייט געקענט אַנטלויפן,
אַז אָט דיין רויטער קיילעך זוניק גליט
דורך ווייסן וואָלקן פון דער קרוין, וואָס בליט,
ווי קען די אַלטע פרוכט אויף אַזאַ אופן

דערלעבן זיך צו זען מיט יונגן צוויט?
דיין זאַפט מ׳האָט ניט געקענט אין פלאַש פאַרשרויפן,
צי גלאַט אין פרעמדע לענדער דיך פאַרקויפן,
דערצייל מיר אויס, ווי האָסטו זיך פאַרהיט

פון וועלקעניש, פון בראַך? אויף וועלכע וועגן
האָט ניט צעקנייטשט דער אָסיען דיין געזיכט,
דער ווינט ניט אויסגעלאָשן האָט דיין ליכט,

מיט פוילונג ניט באַרירט האָט דיך דער רעגן?
דו שווייגסט אַ טויזנטמאָליקער פאַרמערט,
ס׳האָט פול אין דיר זיך אויסגעדרוקט די ערד.

1975

XCVI

באַוואַסערונג

שוין אָפן זיינען אין מיין גאַרטן אַלע קרענט,
און ניט סע פאַלט, ס׳הייבט אויף דער רעגן זיך פון אונטן,
ס׳טוט יעדער שפּריצערל מיט פליגלען ווי אַ בלענד,
וואָס דרייען, שטראָמ׳ענדיק, זיך אין אַ טאַנץ אַ בונטן ;

און פון דער ערד מיט אַזאַ כוח אַ געזונטן
זיך רייסן פייגל, דוכט, צו זונען־שיין געווענדט,
נאָר בלייבן אייביק ווי פאַרכישופט אין איר פענט
און קערן אום זיך טריי צו דאָרשטנדיקע גרונטן.

אָ, שטראָמען זילבערנע, איר וואָרקעט ווי די טויב,
וואָס לאָזט ניט פליען זיך אין נאַכט אין דער געהיימער
צום גאָרטן מיינעם, אָט דעם גאָלדענעם, אויף רויב,

נאָר הענגט מיר אויף אַ גאַנצן אוצר אויף די ביימער.
און ווילט איר וויסן פונעם מעשהלע דעם סוד,
קומט ווען ס׳איז ליכטיק פון די פּירות אינעם סאָד.

24.1.1976

XCVII

סודותפולע צוזאַמענהאַנגען

דער פויגל מיט די גרינע בלעטער־פליגל
זינגט שוין אויפסניי אויף די מאַראַנצן־בוימער,
ער וויגט דעם צווייג, ער זיצט ווי גלייך אַ שומער
ביים ברויזעלע, וואָס שלאָפט אין קנאָספּן־וויגל,

זיין וויגליד וועקט דעם שלאָפנדיקן חומער,
און ס'ווערן פייכטע בלעטלעך אויפגעזיגלט,
עס עפנט זיך דער ווייסער בלומען־קריגל,
און פאַר דעם ווקס פון פרי ווערט געררימער,

און ס'קומט צו איר די פאַרב, דער דופט, די שיין.
ווי טוט אַזוינס די ליד, ווי קען עס זיין ?.
נאָר וואָרצלען ווייסן פון צוזאַמענהאַנגען

צווישן דעם גרינס און פויגלשע געזאַנגען,
זיי שווייגן אָבער טיף אין זייער גרונט.
שווייג אויך, ניט שטער דעם וונדערלעכן בונד.

2.10.1975

XCVIII

פּאָמעראַנצן־דופט

מײַן סאָד איז אויף, מײַן סאָד איז װי אײַן גוף.
פֿון טוי ביז צווײַט, וואָס גרינג איז ווי אַ פּעדער,
וועט קיינס דאָ ניט אַרויסגיין פֿון זײַן גדר,
נאָר לעבן אין זײַן גבול נאָך זײַן באַרוף;

און נאָר אַליין דער פּאָמעראַנצן־דופט
האָט לויט זײַן רעכט געבראָכן אָט דעם נדר
און שיקערלעך זיך קושט מיט גאַס מיט יעדער
און מילד אַזוי ער היילט די קראַנקע לופט.

מיט כלה־לעבן שמעקט אָט דער גערוך,
און ער, דער ערשטער אָנזאָגער אויף פּרוכט,
באַפרייט אַצינד פֿון יעדן גיפט די רוימען;

און ווידער כ׳וויל פֿון ריינער ליבע טרוימען
און גלייב, ס׳קערט אום זיך יענע צייט צוריק,
ווען אַלעס איז ביי מיר נאָך ערב גליק.

1975

XCIX

ים און טייך

כ׳וווין אין הרצליה, גאַרניט ווייט אַזוי פון ים,
מיט פרייער רחבות זיינער קען מיין האַרץ זיך זעטן,
איך מעג זיך קילן אין זיין בלויליעד־גרינעם פלאַם
און אפּראַדיטיש קען זיין וועל מיין לייב מיר גלעטן.

ס׳האָט דער מיטלענדישער געבוירן דאָך די געטין
פון ליבע שוימיקער און שיינקייט, און ניט סתם
באַזינגען האָבן אין פּאָעמעס אים פּאָעטן;
נאָר מיך ציט אַלץ צום טייך, ער האָט אַן אַנדער טעם,

ס׳איז אין זיין מורמל אַזאַ רוף צו היים פּאַראַנען,
אַז ווען סע כוואַליען זיך די בלעטער פון באַנאַנען
אונטער דעם ווינט ביי נאַכט לעם אונדז, אין מיטן שטאָט,
אין זיי מיר חלומט זיך דער רויש פון טייך ביי לאַנען.

דער טייך איז ליכטיק, ווי פון היימלעכקייט די גנאָד,
דער ים ביים ברעג אַפילו טונקלט, ווי זיין סוד.

7.2.1976

C

דער ערד־קוואַל

איך וועל גראָבן פאַרעקשנט די גרונטן
אַזוי טיף ביזן זיבעטן שוויס,
ביז אַ ריס טאָן עס וועט זיך פון אונטן
די פאַרע — אַ כמאַרע די גרייס —

און מיט טוי, מיט דעם רויכיקן, בונטן,
מיר אָנזאָגן פריידיק — דו ווייס,
פאַרן ליב פאַר דיין יונגן, געזונטן,
ווי אַ ווייב, איז דער ערד־קוואַל נאָך הייס,

וועל איך קומען זיך טובלען און בריען
און לייטערן זיך אין דיין וועל,
און ווי ס׳פליען די ערן צו זיען,

וועט זיך ציען צום וואַסער מיין זעל.
אויב אין קוואַל וועט מיין זעל זיך פאַרלירן,
וועט זי דעמאָלט אַ ברונעם געבירן.

31.7.1976

CI

זאָרג

ישראל, מיינע שלאָפלאָזיקע נעכט
ביסטו געוואָרן זינט דו ביסט געבאָרן,
דו לאָזט ניט רוען מיך און ביסט גערעכט,
ס'איז ווייטעקלעך דאָס גליק פון קינדער־יאָרן.

איך וואָלט געוואָלט אַוודאי דיר פאַרשפּאָרן
דיין מאָזלען, פּאָקן, אויך דיין געלע זעכט,
נאָר יעדער שפּראָצנדיקער קנאָספּ דאָך ברעכט
זיך צאַרט אַרויס פון שטעכנדיקן דאָרן.

יאָ, נעבן דיר ניט גרינג איז מיין מחשבה,
נאָר גלייב, אַז ס'איז פאַר דיר מיר גאָרניט שווער.
פון גרינעם קוסט ביז פעלדזן דיינע גראָווע

עס רודערט מיך דיין יעדער ווענד און קער,
דיין וואַקסן, און דיין אָטעם, און דיין האָפן ; —
ווי קען מ'ען ביי דיין וויג די נעכט פאַרשלאָפן ?

31.7.1976

CII

אונדזער ביטערער געטראַנק

אַוועלכער אַלטער ביטערער געטראַנק
האָט דיר, ישראל, אומגעקערט דיין יוגנט,
מיר האָבן אים געטרונקען יאָרנלאַנג,
כדי דיך ניט פאַרשיכורן, מיין טוגנט,

יאָ, אָנגעשטעלט איז ער אויף צער גענוגנט,
געטראָטן אים האָט אונדזער שווערער גאַנג ;
אַז דו, מיין ערד, ניט ווערן זאָלסט פאַרטרוקנט,
מיר זאָגן אָט דער ביטערניש אַ דאַנק.

ווער ווייסט דען וויפל דו האָסט אונדז געקאָסט,
ווער ציילן קען נאָך וויפל ווסט אונדז קאָסטן,
נאָר מעסטן האָסט זיך קיין מאָל ניט געלאָזט,

און אייביק ווסט ניט ווערן אויסגעמאָסטן,
ווייל ס'האָט די ליבע קיינמאָל ניט קיין עק,
און נאָר אין אונדזער האַרצן איז דיין ברעג.

31.7.1976

CIII

צו די סאברע-ביימער

טרילאָגיע

1. ווונטש

זיי גליקלעך, סאַברע־בוים מיט צוויט מיט נייעס,
די בלעטער דיינע, ווי איך בין אַ ייִד,
דערמאָנען אין די אמתע ידים,
וואָס ס׳קען זיך ניט פאַרגינען אויך קיין שמיד,

זיי זיינען מיט מאָזאָליעס ווי באַשיט,
ווי פאַסטן קען נאָר פאַר דעם עץ החיים,
וואָס ביטער און וואָס שווער אַזוי זיך מידט,
אַז זאַפט זאָל פאַר דעם גרינוואַרג זיינעם סטייען.

אַ בוים גיט אָפּ די פּירות זיינע ווייך,
ער שטרעקט זיי אונדז מיט צווייגן פון דער הייך,
נאָר דו האַלטסט פעסט אין הענט די פרוכטן־בעכערס,

וואָס זיינען זיס מיט זאַפטן אָנגעטרערט,
און ווייל צי שווער דו רייסט זיי פון דער ערד,
דו רינגלסט זיי אַרום מיט טויזנט שטעכערס.

2. באַקאַנטשאַפט

שלום עליכם, גיט די האַנט מיר, סאַברעס,
אַ זינגער האָט ניט מורא פאַר קיין שטאָך,
מירביידע ווייסן ווי דאָס לעבן האַרב איז,
כ׳בין דורכגעגאַן ניט לאַנג דעם גרעסטן בראָך;

נעמט מיך אַרום מיט שטעכערס, ווי מיט סאַבליעס,
כ׳וועל אייך צום האַרצן דריקן נאָך און נאָך,
ביז איר ביי דעם דערזען וועט, ווי זיין פאַרב איז,
ביז איך וועל ניט דערגיין צו אייער תוך.

אַזאַ מין בלויקייט גייט פון אַייערע האַפטן,
פון אייערע שטעכערס גייט אַזאַ מין שיין,
איר וועט אין מיר אַריין מיט אייערע זאַפטן,

און איך וועל מיט מיין בלוט אין אייך אַריין,
נו שטעכט זיך איין אין אָרט אין סאַמע צאַרטסטן,
פון אייגנס איז אויך זיס די שפּיז אין האַרצן.

3. פֿאַרברידערונג מיט דער סאַברע

מיר זיינען ביידע ענלעך און פֿאַרשידן,
נאָר אַז מיר זיינען פרעמד — דאָס גלייבט זיך קוים,
ווי דו אויך טראָגן שטעכערס אַלע יידן,
סע ווענדעט זיך נאָר ווו, אין וועלכן רוים.

אין ביידע אונדז נאָך יונגע זאַפטן זידן,
אין ביידע לעבט, ניט ויסנדיק, איין טרוים,
מיר ביידע פרוכט און לידער גאָלדיק שמידן,
און ענלעך איז דער פויגל אויף זיין בוים.

מיר טראָגן, סאַברע, ביידע, גלייך ווי ברידער,
דו שטעכערס אויף דיין פרוכט, איך — אין די לידער,
דער חילוק איז, — דו ווייזט דער וועלט די ציין,

איך טראָג, פֿאַרקערט, די שטעכערס, אין געביין,
זיי וואַקסן אייביק מיר אַריין, ווי מעסערס,
און שטעכן, איך זאָל זיין אַ ביסל בעסער.

31.7.1976

CVI

מיט אַ פֿאַרטרוילעך האַרץ

ישראל, כ׳ווייס, אַז דו מיט דיינע וועגן
אויף רעגנס וואַרטן ביסט אַ גרויסער סבלן,
אין מיר גייט לאַנגע יאָרן ניט קיין רעגן,
צי קומט מיין גרונט אַזוי שוין צו בעוולהן,

אויף אָנצושיקן נאָר אויף מיר מחבלען,
עס זאָל דער האָפענונג ניט גיין אַנטקעגן
קיין טוי, נאָר אויף איר גראָז — מיין גאַנץ פֿאַרמעגן —
זאָל נאָר מיט פעד און שוועבל תמיד מבלען ?

די שטויבן פון דיין מידבר־ווינט ניט שווייגן,
נאָר וואָלקנס דיינע צו דער צייט ניט לייגן,
זע, ס׳זאָל דער וויסטע־ווינט מיך ניט פֿאַרקערן,

זע, ס׳זאָל דיין וואָלקן־טריף מיך ניט פֿאַרבייגיין,
אַז אויסגעטריקנט זאָל מיין וועלט ניט ווערן,
ווען דאַרפן כ׳וועל פֿאַר פרייד אַ מאָל אויך טרערן.

2.8.1976

CVII

דער חמסין

ס'איז שרעקלעך דער חמסין, זיין אָטעם שטיקט,
ער איז ווי אַ מין זינדיקע נשמה,
וואָס מ'האָט אויף דאָרשט צום אומבּרענגען פאַרשיקט,
און אָט איז זי געקומען נאָך נקמה;

זי לאָזט אַראָפּ די פליגלען אירע לאָמע
און זאָגט, — „אַזוי ווי איך זענט איר באַזיגט";
און ביז ס'וועט אונדז ניט זיין דער דעך פאַרוויגט,
איז ווייסט זי ניט פון רו און פון נחמה.

אויף ערד און הימל הערשט ער, דער חמסין,
דו קוק זיך איין, ווי ער איז טונקל־גרין,
ווי גלייך ער וואָלט מיט היץ אַרויסגעבלאָזן

די גרינקייט פון דיביימער און די גראָזן,
און דאַן דערפילסטו ממש מיט דער צונג,
ווי ס'פּעלט דער מידבר אָטעם און אַ טרונק.

2.8.1976

CVIII

צוויי ביימלעך

געבראַכט אויף איבערפלאַנצן מ'האָט צוויי ביימלעך
פאַר אונדזער הויז — צוויי תושבים פון איין וואַלד
און פון איין יאָר, איין מין און וווקס און שטאַלט ;
און איינס האָט זיך דערפילט דאָ ממש היימלעך,

דעם צווייטן איז געווען דאָ אומגעוויינלעך ;
פון וואַלד אַן אויסגעריסנס מיט געוואַלד,
איז אונטער אונדזער זון געווען אים קאַלט,
אויך וואַסער האָט אים אויסגעזען געהיימלעך —

דאָס איז געווען דער אָנזאָג אויף זיין סוף.
געוואָרגן האָט די שטאָט אים מיט איר ענגשאַפט
און, ווי דער וואַלד, איז גרויס געווען זיין בענקשאַפט,

זיין וואָרצל איז אַריין אין לעצטן שלאָף.
דער סעדער ניט געקענט האָט עס דערוועקן,
אים נאָר טוט ווי איצט, רייסנדיק דעם שטעקן.

3.8.1976

CIX

וואָרענונג

דיין שונא, לייקענער, פאַרניינער,
דיך ליבט, ישראל, נאָר אין פלאַם,
כדי אונדז אָפּלעשן די ביינער,
ער וויל אונדז שליידערן אין ים,

אַז ס׳זאָל פון אונדז ניט בלייבן קיינער,
פאַרשיט זאָל זיין דיין וווּנד, דיין שראַם,
און ווידער זאָלן וואַלגערשטיינער
זיין איין מצבה אויף דיין שטאַם,

ס׳זאָל דיין דערהייבונג גיין צו גרונט —
דיין גרינס, דיין פּרוכטגאָלד, דיינע פאַרבן,
פאַרגיין אין זאַמדן זאָל דיין גרונט,

און ס׳זאָל דיין קוואַל אין פעלדזן שטאַרבן.
האַלט ריין דיין פּולווער און די רער,
כדי ניט זען קיין מאַמעס טרער.

24.6.1976

CX

צום יידיש מיידל פון גרוזיע

1.

ביסט פון קאַווקאַז ניט לאַנג אַהער געקומען,
דיין בענקעניש כ'האָב שוין לויט דעם באַמערקט,
ווי הערסט זיך איין ביים ים אויף חיפהר בערג,
צי טייכן דאָ אויך, ווי די לייבן, ברומען?

אונטער דיין ברעם — אָט דעם קינזשאַל דעם קרומען —
סע בליצט דיין אויג מ'יט שוואַרצע פייערווערק,
אין דעם דיין טרויער יידישער זיך ווערגט
מ'יט דעם גרוזינער צער אַרומגענומען.

דו לויפסט צו הייכן, ווי אַן אינד, געהיים,
צי האָט מען גאָר דערנידעריקט דיין שיינקייט?
באַליידיקט זיין איז שווערער אין דער היים,

ס'איז טרוקענער דאָ גרינגער אין אַליינקייט;
מיין האַרץ אין בערג צעברעכן בין איך גרייט,
אַז איך זאָל זיין דיין קוואַל און דו מיין קווייט.

22.2.1976

CXI

.2

דיין שטעל פון אַ גאַזעל, דיין אָדלער־בליק,
דיין שטאַלט איז פון קאַווקאַזער בערג געפורעמט,
דיין שיינקייט האָט פון זיי אַרויסגעשטורעמט,
נאָר אויף ישראל־בערג דיך וואַרט דיין גליק.

די צעפּ דיינע, ווי זיידן־שוואַרצע שטריק,
דיין האַלדז איז ווי אַ תּליה־זייל געטורעמט,
זיך אויפהענגען אויף דיר און זיין דערשטיקט —
דאָס הייסט דאָך פון דער ליבע זיין געאָרעמט.

דיין שיינקייט מאַכט נשמהדיק די ערד,
דאָס אומדערוואָרבנס ווערט לעם דיר דערווערבלעך,
אויך דאָס געשטאָרבנס ווערט לעם דיר אומשטערבלעך,

לעם דיר זיך פולקומט אַלץ, וואָס איז צעשטערט.
ישראל פאַר דיין גליק איז גרויס גענוגנט,
און דו ביסט זיין געווינס — זיין גרינס, זיין יוגנט.

22.11.1976

CXII

ווען דעם יידישן מיידל פון גרוזיע

מע זאָגט, אַז אירע שוואַרצע האָר,
וואָס וויקלען איין זי, ווי אין קרעפּ,
זי האָט אויף אירע אַכצן יאָר
אַהער פון גרוזיע פאַרשלעפּט,

נאָר ס'רעדט איר טרויער־בליק דאָך קלאָר,
אַז אירע לאָקן האָט געוועבט
אַזוי פאַרליבט נאָך יענער דור,
ווען מוטער רחל האָט געלעבט.

נאָר אויב וועסט זאָגן, זי איז שיין
מיט אַ מין צווייענדיקן חן
פון אייגן לאַנד און פרעמדן קאַנט,

טאָ ווייס, צום מיידל אָט דעם צאַרטס
קאַווקאַז האָט צוגעלייגט אַ האַנט,
ישראל — צוגעלייגט אַ האַרץ.

24.7.1976

CXIII

קאַיאָר

די זון האָט אויסגעשפּילט ביים חושך שוין די שלאַכט,
דער מיזרח האָט זיין רויטלעך בעזימל פאַרהויבן
און קערט שוין אויס די לעצטע רעשטלעך פון דער נאַכט;
און אַ מין ווירטן, וואָס ס'איז גאָרניט אָפּצולויבן,

האָט ניט קיין וואָלקנדלעך צעשפּרייט אַצינד פון אויבן,
נאָר רויטע טעפּיכער פון גאָט אַליין געמאַכט,
אַז ס'זאָל דער מלאך, וואָס דאָס מאָרגן־גאָלד באַוואַכט,
איצט אין זיין שוועב די הימל־ריינקייט ניט פאַרשטויבן.

דיין שטראַליק בעזימל, נו, גיב מיר אויך, קאַיאָר,
כדי די שאָטנס פון מיין זעל אַראָפּצוקערן
און אויך אַראָפּשטויבן פון זיך אַ פינפציק יאָר,

ערשט איצט איצט עס וויל זיך יענער יונגער פויער ווערן,
וואָס מיט זיין זון־גילדענער קאָסע נעפּלען שניידט; —
ס'איז דאָך מיט חושך ווילד פאַרוואַקסן אונדזער צייט.

23.12.1975

CXIV

אונטער אונדזער בעזן־בוים

ביי יעדן וואַקסט דער בעז אויף קוסטן בלאַס,
ביי אונדז איז ער אַ גאַנצער בוים אַ בלויער,
און ווען אַלייען בליען אויף דער גאַס,
איז זי צו אַלע שיינקייטן דער טויער;

ערשט דעמאָלט קומט מיין טרויער אומגעהויער,
וואָס צו אַזאַ מין שיינקייט גאָר זיך פּאַסט
די אויפּרייס־מינע, אויפּרייס־שינאה, האַס,
ווי אויך מיט זיי גאָר פלאַנצט זיין בוים דער פויער.

האָט איר געזען, ווי ס׳טוט דער ווינט אַ ריס
פון בעזן־בוים אַ בלימל נאָך אַ בלימל,
דאַן פלאַסטערט זיך די בלויקייט אונטער פיס,

דאַן ווערט די ערד ווי אַ מין צווייטער הימל
און יעדער מענטש — אַ שטערנדל אַ צאַרטס,
און פאַלט אַ שטערן, רייסט זיך אָפּ מיין האַרץ.

27.6.1976

מיין ירושלימער אידיליע

אין סאַמע מיט ירושלים אויסגעצויגן
זיך האָט אַ לאַנקע פונקט ווי איינגעזעסן,
איך האָב זי ממש מיט די אויגן איצט געגעסן,
זי האָט פון באַרג אַראָפּ צום טאָל זיך אויסגעבויגן,

ווי גלייך אַ מוטער־ברוסט מיט גרינס דיך אָנצוזויגן,
איך האָב געדאַרשט מיין מידן קאָפּ אין איר פאַרפרעסן.
מיר האָט געדאַכט, נאָר אָט דאָס אָרט אַליין ווער טויגן,
כ׳זאָל דאָ מיט אַלע מיינע צרות זיך פאַרגעסן.

און אין איר טאָל, ווי אויף אַ בעט, כ׳האָב איינגעדרימלט,
געוועזן מיין יאַסיק איז אין ציכעלע פון הימל
איר וויכער באַרג, אַ קילע דעק — דער ביימער־שאָטן,

און ס׳איז איר גראָז אין מיר געוואָרן איינגעזאָטן,
מיין ווונד צו היילן ווי מיט קרייטעכער מיט גרינע,
נאָר מיך האָט אויפגעוועקט דער אויפרייס פון אַ מינע.

23.5.1976

CXVI

ניט גוט זיך צו היטן

כ׳האָב מיט דעם צווייטן שטאָק מיין לעבן אָפּגעצוימט,
ווען איך וואָלט ווינען כאָטש אַ ביסעלע נאָך העכער,
איך וואָלט געזען ווי דער מיטלענדישער זיך שוימט
ביי אונדזער ברעג, ווי ביי די ראַנדן פון אַ בעכער,

ער וואָלט מיט ווינט געהיילט מיין אָטעם, ווי אַ שפּרעכער,
און מיט זיין פרייהייט מיר מיין זעל אַרומגעזוימ׳ט,
און מיט זיין בלוי אַ שיינע וועלט מיר אויסגעטרוימט,
זיין וועל פאַרלאַטעט וואָלט אין האַרץ מיר אַלע לעכער.

כ׳האָב אָבער צופיל אויף דער עלטער זיך געהיט,
געשראָקן העכער זיך אַ הייב טאָן אויף אַ גאָרן,
געמיינט, אַז קירצנדיק און ציילנדיק די טריט,

וועל איך פאַרלענגערן אַזוי גאָר מיינע יאָרן,
כ׳האָב, דאַכט, זיך אויסגעהיט, נאָר, ווי זיין בילד די ראַם,
מיין האַרץ פאַרלוירן בסך הכל האָט אַ ים.

28.3.1976

CXVII

דער ישראלדיקער ווינט

ער אָטעמט שווער היינט, דער ישראלדיקער ווינט,
ער רייסט זיך ווילד ווי פון די וועלדער מיט יללות,
מיט אָט אַזעלכע עלנט־ברומענדיקע קולות
נאָר וויינט אַ הערש, ווען סע צערייסן אים די הינט ;

ווי גלייך דער אויפרייס פון גראַנאַטן זיין געהויל איז,
און אין זיין קול אַ מין געמיש זיך הערט אַצינד
פון שטילסטן קרעכץ ביי דעם אויף טויט־פאַרוונדעט קינד
ביז מוטער־גוואַלד, ווו הימלשרייענדיק דער גרויל איז ;

אָט דרייט ער בלינד זיך ווי אַ בלאָנדזשענדיקע רינד,
צי ווי אַ זעל אַ מין געטריבענער פון זינד,
און אָט צעשפּאַלט ער זיך אויף צווייען אין זיין ווייען,

ווי גלייך זיין וועסנע צו געבוירן דורך ווייען,
פונקט ווי ער בענקט שוין, דער ישראלדיקער ווינט,
אין אַלע רוימען גוטע זוימען צו פאַרזייען.

8.6.1976

CXVIII

אַ באַשיידענער באַגער

אויב ליגן כ'דאַרף ביים לעבן אין דער ערד,
איז כאָטש ניט אין דער ערד פון מיינע אָבות,
אויב טרעטן דאַרף מ'יך נאָך אַ סטאַדע פערד,
זאָל עס כאָטש זיין אַ סטאַדע אָן פּאָדקאָוועס,

און אויב מע האַלט, אַז רום איז מיר באַשערט,
זאָל מאַכן נאָר די פרעמד פון מיר קאַטאָוועס,
ווייל יעדער רום מיינט עפּעס דאָ פאַרקערט,
און זיין אַ לץ ביי זיך, מיין קאָפּ צי גראָוו איז.

איך וויל ניט זיין קיין נביא, אַז די היים
פאַרלאָזן, ווי סע פירט זיך, זאָל איך דאַרפן,
איך וויל ניט זיין קיין גולמל פון ליים,
מע זאָל מיך אינעם באַרג צוריק ניט וואַרפן,

איך וויל נאָר אין דער היים זיך זיין אַ קינד,
און דאָס זאָל פאַר דער וועלט ניט זיין קיין זינד.

1976

CXIX

מיט שכנים

ווען דער דעמב איז אין עלטער פאַרגאַנגען,
איז געפערלעך אים איבערצופלאַנצן,
אַך, מע האַלט, אַז אין מידבר געפאַנגען,
כ'וועל צעבראָכן דאָך ווערן אין גאַנצן,

אַרום מיר וועלן זאַמד־שדים טאַנצן,
און כ'וועל ווערן מיט ווערעם באַהאַנגען,
און עס וועלן מיך יענע באַקראַנצן,
וואָס זיי זיינען לעזאָזל געגאַנגען.

פאַרזעצט מיך, פאַרזעצט מיך, דעם אַלטן,
אין מידבר, אין מיטן חמסינען,
מיט וואָרצלען די טיף וועל איך שפּאַלטן

פאַר קוואַלן, פאַר ליבע, פאַר גרינען;
דער פויגל, די ליד איז מיין שכן —
אין דרייען מע ווערט ניט צעבראָכן.

24.8.1976

CXX

דיין פּנים, ישׂראל

איך מעסט דיך ניט, מיין ערד, אויף קילאָמעטער,
מיט אונדזער גרויסמוט ביסטו מער און גרעסער,
מיט אונדזער מיטלייד — היימלעכער און בעסער,
ווי ס׳אָטעמט זיך, אַזאַ מין איז דער וועטער ;

פון אונדזער מילדקייט שאָטענען זיך בלעטער,
פון אונדזער קראַפט זיך שטאַרקט דער וויין אין פעסער,
פון אונדזער הייך — דיין היכל, דיינע שלעסער,
ס׳ווערט הימלדיק דער באַרג מיט אונדזער קלעטער.

לויט אונדזער האַנט ביסט אָרעמער צי רייכער,
פאַרמאַכטער ביסט צי יושרדיקער, גלייכער,
לויט אונדזער האַרץ ביסט וואַרעמער צי קעלטער,

נאָך אונדזער גייסט ביסט ייִנגער צי ביסט עלטער.
אין נידער זעט דיך דער, וואָס קומט דיך רויבן,
און ווער דיך ליבט, אין דעם דו ביסט דערהויבן.

16.4.1976

CXXI

האַרבסט־מעלאָדיע

אויף מיינע תריסים שפּילט דער אָסיענדיקער דרויסן,
מיט ווינט און רעגן טוט ער איבער זיי אַ פּיר,
מיין שטוב גייט כאַדאַראַם פון ניגון אָט דעם גרויסן,
ווי איך וואָלט ווינען אין אַ ריזיקן קלאַוויר,

מיט קרעכץ פון צווייגן־בראָך ביז שאָרך פון בלאַט אין גויסען
די פלאַנקעס־קלאַווישן שוין טוט ער באַריר ;
וואָס מיינט זיין ווייענדיקס און וועמען איז ער אויסן,
צי הילכט זיין ווייענדיקע וועלט ניט אָפּ אין מיר ?

דו כליפּעסט אויס אויף מיר דיין ווינטלדיקס און בראָכיקס,
דיין היימלאָז־רעגנדיקס, דיין שטאַרבנדיקס, אָ, האַרבסט,
נאָר אין דער ליד ווערט אויך דאָס וויאַנענדיקע תוכיק,

דער בלאַט דער פאַלנדיקער ווערט אַ זוים אין האַרץ,
שפּיל אויס דיין אָפּגאַנג אויף מיין שטוב, אַבי אין איר
כ׳זאָל בלייבן ווינען ווי דער ניגון אין קלאַוויר.

31.3.1976

CXXII

צו די ישׂראלדיקע קינדערלעך

איך גלעט אין גאַס די קעפּלעך ביי די יאַטן,
און זאָג צו זיי, ס׳וועט זיין פון אייך אַ טאָלק,
אויב נאָר איר וועט ניט פאָלגן אייער טאַטן,
אַזוי ווי כ׳האָב מיין טאַטן ניט געפאָלגט.

און קומען וועט צו אייך גאָר גרויס דערפאָלג,
אויב איר וועט אייער גאַנג אַליין ניט שאַטן
און אייער קינדהייט קיין מאָל ניט פאַרראַטן,
איר דאַרפט דאָך זיין פון אונדז אַ שענער פאָלק.

איר וואַקסט, אָן אַ בייז אויג, ווי די טאָפּאָליע,
נו, זאָל אַזוי אויך ווערן אייער דאָליע,
ס׳זאָל נעענטער דאָס האַרץ אייך זיין צו שיין,

אַז בעסער זאָלט איר איינס דעם צווייטן זיין ;
און וועט איר איינס דעם צווייטן פּירות טראָגן,
דאַן וועלן אייערע וואָרצלען זיך ניט שלאָגן.

8.8.1976

CXXIII

סיני

פון זאַמד ביז וואָלקנס זילבער־ווייס דו ביסט סיני,
ביסט שטענדיק ברייט פאַר ליכט און ענג פאַר שאָטן,
ביי דיר צו אָטעמען איז רחבותדיק און פריי,
און פריי איז אויך אַזוי צו זיין ביי דיר פאַרשאָטן.

עס טרעפט, סע היט דיין דיונע סודותדיק און פריש,
ווי אַ מין קעמל, אויס אין זיך אַ קוואַל אַ קאַלטן ;
ס'האָט אין דיין ברגל זאַמד, ווי יונה אינעם פיש,
זיך אונדזער זעלנער אַ פאַרוונדעטער באַהאַלטן.

צי איז מיט אים דאָ אויך אַ נס ביי דיר געשען,
צי מיט אַ טרונק ביסט גרייט געווען אים צו דערקוויקן ?
דו שווייגסט, סיני, ווי וואָלסט אים קיין מאָל ניט געזען,

ווי ער וואָלט אויך, ווי דיינע זאַמדן, אויסגעטריקנט.
סיני, ביסט שטענדיק ברייט פאַר ליכט, הײנט — אויך פאַר שאָטן,
ס'אַז פריי סיי אָטעמען אין דיר, סיי זיין פאַרשאָטן.

19.4.1976

CXXIV

די סאָלדאטן-ליד

וועגן די געפאַלענע

מ׳ר קערן פון די פראָנטן אום זיך מיד,
ס׳איז דעם פאַרלוסט פון זיג נישט אָפּצוטיילן,
געהאָלפן האָט אין שלאַכטן אונדז די ליד,
טאָ זאָל זי אויך די טיפע וונד אונדז היילן.

עס עפנט זיך דאָס מויל דערווייל נאָך ניט
די ברידער די פאַרשניטענע צו ציילן,
זאָל זי נאָר וועגן אונדזער וויי דערציילן,
פון שוצגראָבן איז טיפער אונדזער שניט.

ווער מעסטן קען דעם אויסגעשפילטן שטרייט
מיט פריינט, וואָס מיר אין אים האָבן פאַרלוירן ;
צו העלדן פאַסט נאָך אַלץ ניט אונדזער צייט,

זי שעמט זיך, וואָס זי האָט זיי גאָר געבוירן.
זאָל כאָטש מיט די געפאַלענע די ליד
ניט לאָזן פאַלן אויך אונדזער געמיט.

27.6.1976

CXXV

פאַר דעם גרונט

זיך צו נייגן, צו בייגן, זיך בוקן,
זיך צו ברעכן דורך פעלדזן און שטיין
און אין ברייקע זאַמדן זיך טוקן,
און די וואַסער צו רייסן מיט ציין,

און צו טראָגן די ערד אויפן רוקן,
און צו אַקערן זי מיט געביין,
און פאַרליבט אַ פאַרכישופטער קוקן, —
איז נאָך אַלץ ניט צו דיר צו דערגיין;

נאָר מיט אָטעם אויף וויסטעס פאַרבלאָזן
דעם גרונט, וואָס איז רויטלעך און שוואַרץ,
אַז עס זאָלן אים צונייען גראָזן

מיט אונדז צו דעם זעמדל דעם האַרטס,
נאָר אַזוי, נאָר אַזוי איז צו לאָזן
דיר, ישראל, אויף זוימען דאָס האַרץ.

10.7.1976

CXXVI

ישראל בענקט

ישראל האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט
נאָך ליבע, יוגנט און נאָך זינדער,
אויב גאָט האָט אונדז די ערד געשענקט,
איז דאַרף דאָס פעלד דאָך שאָף און רינדער.

ישראל וויל ס׳זאָל ווערן לינדער,
דער וועג פאַר טויט זאָל זיין באַשרענקט,
אַז ווערן זאָל די גאַסן ענג
פוןביימער, טויבן און פון קינדער.

ישראל דאַרשט צו זיין געאייניקט,
ווי ס׳איז דער באָדן מיטן קוואַל,
ווי ס׳איז דאָס לעבן מיטן שטראַל,

ווייל וואָס אַלייניק, דאָס איז ווייניק,
נאָר שיין און גרויס איז אַ פאָרפאָלק : —
ישראל ליבט זיך מיט זיין פאָלק.

21.3.1976

אייגענע און פריינד

CXXVII

מיין בלינדע באָבע עלקע
שיינע אויגן

אַזעלכע אָפּן־שיינע ווייִנטרויב־פּולע אויגן
באַלויכטן, דאַכט זיך מיר, דער באַבעס שטאָלץ געזיכט,
גיי ווייס, אַז ס'האָט אַ שוואַרצער פּאָרהאַנג גאָר פאַרצויגן
אויף זיי אויף אייביק שוין פאַר איר אַ זון מיט ליכט...

די באַבע האָט מיך פאַר די הענטעלעך געצויגן,
געלערנט גיין און מיינע וואַקלונגען פאַרריכט,
מיין יעדן טראָט האָט זי געמאָסטן און געוואויגן,
טאָ ווי געדאַרפט האָט זיין פאַר מיר גאָר אומגעריכט,

ווען זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו מיר, דעם קינד,
געטאַפּט ניט זיכער, אויף מיין הענטל צו באַרירן,
און האָט אַ בעט געטאָן מיך שטיל איך זאָל זי פירן...

און מיט אַ מאָל האָב איך דערזען, אַז זי איז בלינד.
און כ'האָב געשלוכצט, ווי מיט דער באַבען כ'וואָלט אין איינעם
איר אויגן־ליכט, וואָס איז געשטאָרבן, איצט באַוויינען.

4.8.1976

CXXVIII

די באָבע בענטשט ליכט

פרייטיק צו נאַכטס. אַ שימער גיבן ווענט,
די מלכה שבת ליכטיק הערשט אויף מענטשן.
ווער וואָלט מיין באַבע עלקען איצט דערקענט,
אַז ס׳גייט פון איר אין גאַנצן אַ מין בלענדשיין, —

דאָס לאָזט זיך שוין די באָבע ליכט צו בענטשן,
איר פנים צו די לייכטער איז געווענדט ;
און ווען זי דעקט די אויגן צו מיט הענט,
דערפיל איך ווי מיין הערצל ווערט פאַרקלעמט שוין.

אויב קוקן אויף די ליכט איז איצט אַ זינד,
איז דאָך אַלץ איינס מיין באָבע עלקע בלינד.
איר אומגליק הייבט מיין זינען אָן צו וועקן,

און כ׳טראַכט מיר אויס אַ מעשה אומגעריכט,
אויב צוויי מאָל בענקט מיין אַלטיטשקע נאָך ליכט,
זי מוז די אויגן צוויי מאָל ווי פאַרדעקן.

5.8.1976

CXXIX

ווי אַ שוואַרצער שאַל

מע זאָגט, די בלינדקייט קומט איר פון אַ פאַל,
אונטערגעגאַן איז איר די גרינע וואַסער,
און אָט פון יענעם אומגליקלעכן פאַל
אַלץ שמעלער ווי געוואָרן איז די גאַס איר,

די זון פאַר איר געוואָרן איז אַלץ בלאַסער,
ווי גלייך ביי ביידע רויבט מען שטראַל נאָך שטראַל.
ס'האָט אויסגעזען איר אויג מיר טאַקע נאַסער,
ווי הענגען וואָלט אויף דעם אַ פייכטער שאַל.

און דאָך האָט מיר געדאַכט, אַז עפּעס לויכט זיך
פון אויגן אירע פאָרט, אַ שיין דאָרט טויכט זיך ;
אַוודאי זיי פאַרהענגט דער שוואַרצער שאַל,

נאָר וואָלט אַ ווינט אַ ביסל אים פאַרשאַרן,
וואָלט דאַן אַ בליץ דער באַבען טאָן איין שטראַל,
אַ רגע כאָטש איר בלינדקייט אָפּצונאַרן.

6.8.1976

CXXX

דאָס פירערל

ווען כ׳פלעג די בלינדע באַבע ערגעץ פירן,
האָט דעמאָלט זיך אין אַלץ געשאַרפט מיין בליק.
איר אומגליק האָט געריבט ביי מיר דאָס גליק
פון שפרינגען אויף איין פוס, אַ קינד זיך שפירן;

מיין יינגלשע פאַרשאַרטקייט כ׳פלעג פאַרלירן,
דערפאַר אין גיין געוואָרן כ׳בין געשיקט
ניט דרייען מיטן קעפּל אויף צוריק,
ס׳זאָל אויך קיין פליג די באָבען ניט באַרירן.

פאַרלוירן נעבן איר האָב איך די פריי,
דערפאַר ס׳האָט מיך געצויגן זיין געטריי,
אַחריותדיק אין לעבן זיך צו פילן,

כ׳בין ערנסטער געוואָרן אויך אין שפילן,
און נעבן איר געלערנט כ׳האָב געוויס
צו זען, וואָס ס׳טוט ביי מיר זיך אונטער פיס.

6.8.1976

CXXXI

אין שפּיגל זיך אין דער באָבען

די באָבע קען אַפילו פיש אייך האַקן
און פילן זיי ווי גלייך זי וואָלט געזען,
ווי ס'וואָלט מיט איר קיין אומגליק ניט געשען,
און היינט איר איינגעמאַכטס, איר חלה באַקן ;

ביים אויוון פלאַמען יונג ביי איר די באַקן.
די מאַמע זאָגט, אַז זי איז שיין געווען.
איך גווידער זיך — ווי דען, די באָבע קען,
אַלץ האָט ביי איר אַ טעם אַזאַ געשמאַקן.

אַז ס'גייט די באָבע בייגט זי ניט דעם נאַקן,
איך ווייס נאָך ניט, אַז אַלע בלינדע טאַקע
פאַרהייבן הויך די קעפּ צו דעם אַרום

און גייען שטאָלץ, און ס'נעמט זיך גאָר דערפון,
וואָס זיי וואָלטן געוואָלט, דוכט, ווידער פאַקן
פאַר זיך דורך אַלע וואָלקנס נאָר די זון.

6.8.1976

CXXXII

ברייטע פלייצעס

פון צוועלף זין איז איינער איר געבליבן,
און אויסגעוויינט מיין באָבע האָט איר שיין,
אַז מיך פאַר אַלע עלף זאָל זי ליבן,
דאָס איינציק אויג אין קאָפּ זאָל איך איר זיין.

מיט מיר איז אין איר וועלט אַ זון אַריין,
זי האָט אין מיר ווי אוצרות אָנגעקליבן,
אויף אויסקויפן איר האַרץ פון צער און פּיין.
זי האָט געטאַפּט מיין גוף, כדי צו איבן

די פינגער זען, צי כ'וואַקס אין אַקסלען ברייט,
צי זיין ביי מיר וועט קראַפט צו גיין אין לייצעס,
צי וועל איך זיין דעם עול צו שלעפּן גרייט.

אַליין איז זי געווען גאָר ברייט אין פּלייצעס,
די וועלט האָט זי באַזאָרגט מיט אַקסלען גוט,
אַז צרות זאָל זי טראָגן אויפן פוד.

5.8.1976

CXXXIII

דאָס טעפּעלע קאַשע

דער באָבעס שוואַרצע טעפּעלע פון ליים,
ווו זי פלעגט לאָזן מיר אַ ביסל קאַשע,
כ'זאָל האָבן כוח לערנען חומש, רש״י,
איז מער פון אַלע בלומענטעפּלעך שיין.

זי פלעג עס היטן ביז איך קום אַ היים,
ניט פרעג פאַר וואָס, אָן איבעריקע קשיה,
דער הונגער האָט געשאַרפט אויף אונדז די ציין,
און מיר פאַר אים געוועזן זיינען פאַשע.

דעם ביסן אָפּגעריסן פונעם מויל,
האָט זי דאָס טעפּל אויף דער לעצטער קויל
געוואַרעמט, ביי דעם פּריפּיעטשיק געבויגן.

אַזוי־אַ שוועך זי האָט מיך אויפגעצויגן,
און איך, זי זאָל ניט הערן, פלעג איר וויל
אַ דאַנק טאָן ״מיר פאַר דיינע בלינדע אויגן״.

6.8.1976

CXXXIV

די באָבע שטאַרבט

מיר אָנזאָגן מע קומט הינטער דער שטאָט,
וו כ'אַרבעט אינעם פעלד ביים בינדן גאַרבן,
די באָבע שטאַרבט און קען אָן מיר ניט שטאַרבן,
איך יאָג. ווי ביי אַ הערש איז פלינק מיין טראָט.

איך קום. איך קרעכץ — דרייפאַכיק האָסטו גאָט
פאַר מיר פאַרמאַכט איר וועלט מיט ווילן האַרבן —
אי בלינד ; איר אויג זיך שליסט ביז טרערן־זאָט,
דער טויט מיט חושך גייט אונטער איר שאַרבן.

זי גוססט שווער, זי איז ניטאָ שוין, דאַכט,
איך לויף אַריין, אין איר עפּעס דערוואַכט,
ווי גלייך זי שפּירט מיין אָטעם איצט דערנעבן,

זי זוכט מיין האַנט, איך האָב זי איר געגעבן,
און גייענדיק אויף אייביק אין דער נאַכט,
זי פילט, אַז איך, איר ליבע — בלייבט אין לעבן.

5.8.1976

CXXXV

דאָס ערדן־קעלערל

דאָס ערדן־קעלערל אין סאָד ביים באַלעבאָס,
וו ס'איז געגאַן אַ מאָל מיין זיידע קאָמערינע,
פאַרמאָגט אַ דעכל האָט, פאַרוואַקסן פול מיט גראָז,
וו דורכגעוואָרפן האָט זיך ראָזלעך קאָנישינע,

מיט ריחות היימלעכע געקוויקט עס האָט מיין נאָז,
אין ראָסל האָבן דאָרט געווייקט זיך אויבסן גרינע
און, ווי די זויג־קינדער, געלאָזט פון זיך אַ פינע ;
אום ווינטער איז עס מיר געווען אַ כישוף־שלאָס.

עס האָט זיין קוואַסניצע דעם אָטעם מיר פאַרכאַפּט,
פאַרכאַפּט דאָס אויג האָט מיר זיין קאַוון־אויפגעשניטן, —
מיך האָט געפריידט, וואָס ווייניק איז ער אָנגעזאַפּט

און האָט געקענט זיין רויטע זון אין זיך פאַרהיטן ;
ווי גלייך די קינדהייט איז ער מיר געווען געשמאַק,
כ'האָב לאַנג זיין קערנדל געהיט הינטער דער באַק.

4.4.1976

CXXXVI

אַרום דעם הרובקעלע

אַרום דעם הרובקעלע דעם אייזערנעם, וואָס ברענט
און שיצט פון נאַכט, פון ווינט, פון שניי, פון פראָסט דעם גרייזן,
און בראָט קאַרטאָפל אונדז, און וווּנדער קען באַווייזן,
מיר זיצן אַלע פונקט ווי אין איין וואַרעם העמד.

דער טאַטע הייצט ביז ס'ווערט דאָס טירל רויט צעבלענדט
און ס'נעמט אויף דעם זיך ווייזן, פריילעך אַזוי שפרייזן
דאָס איינגעשמעלצטע לעצל פון דעם זעלבן אייזן
און טראָגט אַן עמער מיט אַ בעזעם אין די הענט.

אין אָט דעם אייזערנעם געמעל כ'האָב דאַן דערקענט
דאָס גוטע שרעטעלע פון היימלעכקייט און גינען.
וווּ איז דאָס אייוועלע? כ'קען מער עס ניט געפינען,
צי האָט יענץ שרעטעלע פון אונדז זיך אָפּגעווענדט,
זיך מיט דעם הרובקעלע פון שטוב אַרויסגעצויגן,
ווען אויסגעלאָשן האָבן זיך דעם טאַטנס אויגן.

4.4.1975

CXXXVII

דאָס שוסטער־שילעכל

די צוועלף שבטים, — אָנגעמאָלט אין שוסטער־שילעכל,
די שוואַכע סטעליע האַלטן אונטער, דוכט, שוין מאַטע,
עס וואָלט דאָס שילעכל מיר אויסזען ווי אַ שפּילעכל,
ווען ס'וואָלט ניט דאַווענען אין טלית דאָ מיין טאַטע.

פון דרויסן אָרעם איז ביי דעם דאָס גרויע הילוכל —
פון ליים געטונקעוועט — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
נאָר ס'ראַשט אין דעם זיך, ווייל עס מאָלט דאָך אָט דאָס מילעכל
פאַר דער נשמה פון די יידן קערנער זאַטע.

ס'איז קליין דאָס שילעכל ווי גלייך אַ הינדל זיצנדיק,
נאָר האָט פאַר ווייבער דווקא אויך אַ צווייטן גאָרן.
מיין בלינדע באָבע דאַוונט דאָרט, מיט טרערן שפּריצנדיק,

און קען ניט אויסוויינען איר פינצטערניש פון יאָרן.
אַזוי פיל ליכט דאָרט ברענען, פינקלען אַזוי בליצנדיק,
אַז ס'דאַכט, מיין באָבע איז מיר זעענדיק געוואָרן.

6.8.1976

CXXXVIII

דעם טאָטנס טלית

ניטאָ איז מער קיין וועג אין שול אַריין.
ווי ס'שיידן זיך חתנים מיט די כלות,
מ'האָט אויסגעטאָן פון לייבער זיך די שיין,
אַראָפּגעוואָרפן מ'האָט פון זיך דעם טלית,

פאַרלוירן פאַר דעם האַרצן יעדער שטראַל איז,
און אַלע תפילות שוויגן פאַר דער פּיין ;
ווי ס'וואָלט דער פאָטער ניט אין הימל זיין,
אַריין מיין טאַטנס וועלט איז אין אַ דלות.

זיין זעל האָט זיך דערפילט ווי אָן אַ הויט.
און יאָרן אויף דער עלטער גיכער לויפן,
און ניט באַוויזן האָט ער נאָך צו קויפן

קיין טלית ווי געקומען איז זיין טויט.
און וויל ער האָט קיין טלית ניט געקריגן,
דאַרף קאַלט דעם טאַטן זיין אין קבר ליגן.

4.7.1976

CXXXIX

בירגערקריג־צייט

אַן איבערקערעניש אין שטאָט אויפּסניי,
עס קלינגען אין די קלויסטערס שטאַרק די גלעקער,
פּעטליורעס אַטאַמאַנען הוליען פריי,
מיר ליגן אינעם קעלער ביי דעם בעקער.

און אַלע מאָל דער דרויסן טוט אַ שריי,
עס האַקן קעפּ די הײַדאַמאַקעס־העקער.
אונדז דאַכט, עס היט אונדז טריי די בעקעריי.
אַלץ איז פאַרביי, נאָר רו אַצינד איז שקר.

מיר דאַנקען אָפּ דעם גוטן באַלעבאָס,
ס׳זעט אויס דער טאָג אונדז שלווהדיק, אַ העלער,
אונטער אַ שעה, עס הילכט ניט ווייט אַ שאָס,

דערהרגעט איז דער בעקער אין זיין קעלער.
אַז ס׳גייט די גאַנצע קריג דאָך אַרום ברויט,
האָט אים זיין באַקן ברויט געבראַכט דעם טויט.

8.8.1976

CXL

דאָס פאַרליבטע קינד

די מאַמע ליב איך אַזוי ליכטיק, אַזוי פריידיק,
און ווי איך פיל, אַז כ'וויל איר העלפן עפּעס טראָגן,
הייבט אָן דאָס אַדערל אין מיר פון טריישאַפט שלאָגן,
און ס'ווערט פאַרפולט אין מיר אַן אָרט, וואָס פלעג זיין ליידיק.

און ווען צום ערשט כ'טאַפּ אָן דעם מענטש אין זיך ביז ווייטעק
און פּרוּוו דעם עול פון אַ נשמה ריין צו טראָגן,
אַ קלאַפּ גיט עמעץ פּלוצלינג מיר און ס'נעמט זיך קלאָגן
אין מיר דאָס קינד, וואָס מ'האָט אומזיסט אַזוי באַליידיקט.

פון דאַן איך לויף אין זיך אַריין, נאָר ווער פאַרשטאַרט,
אויך טיף אין מיר כ'דערשפּיר, — מיין גרינס אַז אויסגעפרוירן,
און ווען אין פוסטקייט פון מיין ברוסט כ'וויל זיין פאַרלוירן,

דערזע איך גאָר מיין מאַמעס וואַרעמקייט מיך וואַרט,
און ווייל זי האָט מיך קיין מאָל, קיין מאָל ניט גענאַרט,
עס ווערט פון איר אויפסניי אין מיר אַ זעל געבוירן.

12.12.1975

CXLI

דער פידפּאַליק

ס'איז סוף צו הונגער־צייט. מיין מאַמע באַקט,
און היימלעך ווערט אין שטוב אַפֿילו אויך
פֿון האַוועניש, פֿון רעש און פֿון דעם רויך,
פֿון דעם, וואָס אונדזער טאַטע שייטלעך האַקט,

און פֿון דער ראַשטשינע, וואָס פֿרייכט צום טאַקט
און הייבט זיך אונטער ליילעכל שוין הויך
ווי ביי אַ מעוברתער דער בויך,
און פֿון דעם פֿלאַם, וואָס מיטן ציגל קנאַקט.

און בעת די מאַמע פֿלעכטן הייבט שוין אָן
די קוילעטשן און שיט זיי אויס מיט מאָן,
זי וויל ניט ס'זאָל דאָס האַרץ מיר כליאַנען סתם

און באַקט מיר אַ פידפּאַליק אויפֿן פֿלאַם;
און אונטער ציין ער טוט ביי מיר אַ פּלאַץ,
ווי כ'וואָלט געקלאַפּט פֿאַר שימחה אין אַ טאַץ.

.4.4.1976

CXLII

צו מאָלדאַווישע ייִדן

ס׳גיט פֿאַרבענקט אַ מאָל דאָס האַרץ אַ סטריגע
און שרייט — ״די דניעסטער־קאַנטן ניט פֿאַרגעס !״
מיר פֿילן אין מאָלדאַוויע זיך היגע,
מיר מאָהילעווער ליבן אויך דעם פּרעס ;

מיט בייוול שניידן מיר די מאַמעליגע,
באַשיטן זי מיט ברינזע צי מיט קעז,
דער בלויער דניעסטער מיט דעם בלויען בעז
האָט אונדז אין קאַנט ווי אַרבל צוויי פֿאַרסטריגעט.

דער ווײַנקעלער האָט אונדז ווי אייך געפּריידט
מיט ווײַן, מיט ניס, מיט אָוונט־טרויער זיסן,
אַנטקעגן וואָס געקומען איז צו רייד ?

איר דאַרפֿט דאָך, מײַנע ליבע ייִדן, וויסן, —
מײַן פֿעטער, וואָס איז מער שוין ניט פֿאַראַן,
איז אויך געווען אַ ייִד, אַ מאָלדאָוואַן.

8.8.1976

CXLIII

מיין פעטער

איר זאָגט, מיין פעטער איז אויף אייביקער שוין רו,
איר קענט מיין פעטער ניט, דערפֿאַר זענט איר זיך טועה,
אַוו צעשאָסן האָבן נאַציס אים, אַוו,
אויב ער אין גרוב איז, — איז די וועלט דאָך תהו ובוהו.

ווי ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן אָט דאָס רויע,
ווי גלייך אַ פערד עס איינגעהאַלטן מיט אַ ״טפּרו !״
אויף אַלע חתונות געטאַנצט ביז מאָרגנס בלויע
און צוגעזונגען — ״נאַ פּלייטו און נאַ דודו״,

געליבט נאָר בראַנפן מיט אַ פעפער מיט אַ רויטן
און מיט אַ רעטעך צוגעביסן אים געשמאַק,
און מיידן, ווייבער, גויעס, שיקסעס פלעג ער נויטן

פֿאַר זיינע לידער אים אַ קוש צו טאָן אין באַק,
איז דאַרף דער פעטער שטענדיק פעלן צום אָרקעסטער
ווי גלייך די כוואַליע גאָר די פריילעכסטע — דעם דניעסטער.

8.8.1976

CXLIV

גרויל

ס׳האָבן פֿאַרגוואַלדעוועט ביז טויט מיין שוועסטערקינד
די נאַצי־יונגען און מ׳יט הענט מיט רצחיש־פֿלינקע
דערנאָך אַריינגעהאַקט אין איר געשמאַק די פינקע
און שטיקער לייב אירע געוואָרפֿן פֿאַר די הינט ;

און ס׳האָט מיין מומע אַ געריירטע שוין פֿון זין
געטאָן איר מיידלס טויטן קאָפּ ווי אַ פּילינקע,
געטאַנצט, געהוליעט אויף די גאַסן מ׳יט דעם ווינט,
געזונגען — ״אויסגעגעבן האָב איך די מעזינקע״.

איצט קען מיין מומע אַלץ ניט אויסטאַנצן איר גרויל,
זי טראָגט דורך ימען זיך און ערדן אויגנבליקלעך,
און וואַרפֿט זי ווו אַ קרומען בליק, דאָס לאַנד ווערט פֿויל

און פֿון זיין ליידיקער נשמה פֿאַלן שטיקלעך,
און ס׳טראָגט זיך אייביק צו דעם הימל איר געהויל,
אַז אויסגעגעבן די מיזינקע האָט זי גליקלעך.

25.5.1976

CXLV

צו מיין לעצט שוועסטערקינדל חיקע

פון דער משפּחה נוח רויִטמאַן

ס'וואָלט לאַנגע יאָר געדאַרפט דיר זיין באַשערט
כאָטש פאַר דיין אויסגעשניטן הויזגעזינד;
האָסט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער עס פאַרדינט,
דו האָסט דאָך אויפן פראָנט דעם טויט געשטערט.

און ווען דו האָסט פון קריג זיך אומגעקערט,
דערזען דו האָסט זיך עלנט ווי אַ רינד.
און אָט ביסט אויך ניטאָ שוין אויף דער ערד,
מיין איין־און־איינציק טייער שוועסטערקינד;

און איך געדענק דיין קומען אויף דער וועלט,
איך בין אַליין געווען אַ קינד נאָך דאַן,
אַלץ האָט זיך אין געבורט מיר פאָרגעשטעלט,
ווי גלייך ס'איז דאָ קיין טויט גאָר ניט פאַראַן.
צו פרי האָט אויסגעלאָשן זיך דיין פלאַם,
פאַרקוילט עס איז מיט דיר אַ גאַנצער שטאַם.

25.5.1976

CXLVI

סאָפּאָטשקע און איר זיידע

ווען כ׳האָב דאָס לעצטע מאָל פֿאַרלאָזט מיין הויז,
איז סאָפּאָטשקע, מיין איייניקל געבאָרן.
זי דאַרף אַצינד שוין זיין אַוודאי גרויס,
דריי יאָר איז זי, די קליינטשינקע, געוואָרן,

מסתמא ווי אַ מלכה זעט זי אויס,
נו זאָגט, ווער איז ניט שיין אין אירע יאָרן,
פֿאַרפֿולט זי האָט אין אונדז אַ שווערן בלויז,
כאָטש וואָס פֿאַרלאָרן איז — דאָס איז פֿאַרלאָרן.

מיט איר מ׳יר זיינען ביידע דאָך איין וועלט,
ווער קען אין טייך צוויי טראָפּנדלעך צעשיידן,
איז ווער זשע וואָלט זיך טאַקע פֿאַרגעשטעלט —

דאָס אייניקל ניט קענען זאָל דעם זיידן.
זי איז פֿאַרפֿרעמדט. ווייל כ׳האָב דיך, היים, דערקענט,
איז קען איך זי ניט נעמען אויף די הענט.

16.7.1976

CXLVII

דעם אייניקל אַ מתנה

עס ברענט אין מיר דאָס האַרץ אַזש ביז דער הויט,
איך הער ניט נאָך דער קליינער אויף צו בענקען,
וואָס פֿאַר אַ קליידער האָט זי ליב, די מויד,
שרייבט אָן, איך וועל די טייערסטע איר שענקען.

כ׳וועל קויפֿן איר אַ סטענגעלע, וואָס בלויט
ווי אונדזער היים, זי זאָל אין אונדז געדענקען,
און אויערינגלעך ווי אַרבעס ערשט פֿון שויט,
בראַסלעטן — אירע גאָלדענע געלענקען.

ווי ווערט מען ניט קיין עושר פֿאַר אַ נויט,
מע זשאַלעוועט זיך אויך דאָס שטיקל ברויט
אַבי אַזאַ מין אוצר צו דערפֿרייען,

און זאָל זי זיך אַ גרויסן בייטל נייען,
די קליינטשינקע, און פֿריילעך זאָגן אייך
— אָ־אָ, ווייזט אויס, דער זיידע איז דאָרט רייך.

16.7.1976

CXLVIII

צו דיווינטן

ווינטן, איך בעט אייך די שטויבן ניט דרייען,
איר קענט נאָך פֿאַרפּראָשען אַן אויג ביי מיין אייניק,
איר קענט נאָך איר סטענגע פֿון צעפּלעך פֿאַרווייען,
וואָס איז פֿאַר איר קאָפּ ווי די קרוין פֿאַרן קעניג.

איר נעמט בעסער, ווינטן, די וואָלקנס צעשטרייען,
ווייל זון איז היינט ווייניק, ווייל פֿרייד איז היינט ווייניק,
און טראָגט איר נאָר זוימען די וועלט צו דערפֿרייען,
דאַן זענט איר דער ליבע דאָך אויך אונטערטעניק,

גיט איר דאָך לשון דעם סאָד דעם צעגרינטן,
קענט איר, ווי בינען, מיט בלומען דאָך ריידן,
טראָגט איר דאָך איבער די גראָזיקע בינטן,

קילט איר דאָך וונדן, קילט איר דאָך ליידן,
איז אָטעמט אין מיר, מיינע גאָלדענע ווינטן,
אַז ס'זאָל זיך דער זיידע פֿון אייניק ניט שיידן.

16.7.1976

CXLIX

פריינדשאפט

פאַרן אָנדענק פון משה נאָטאָוויטש

דאָס בחורל

אַ בחורל ווי איך פון אַ יאָר אַכצן
אַריין איז אין מיין צימערל אַ זשוואַווער,
דער קאָפּ — אַ שוימענדיקער קוטשעראַווער,
און וויינשל־אויגן שיקערלעך זיך שוואַרצן.

זיין אויסזען איז אַ יוגנטלעכער־בראַווער,
און עפּעס ציט צו אים ביז זיסע שמאַרצן,
אַ גרויס געזיכט, ס'זאָל סטייען אָרט דעם האַרצן,
וואָס לויכט אויף דעם צו מיר "איך בין דיין חבר !"

ס'איז, דאַכט, געווען ערשט נעכטן בסך הכל,
געווען מיר זיינען אָרעמע סטודענטן,
כ'האָב אים, דעם יאַט, דעם נייינקן באַקענטן,

אַוועקגעשענקט די זעל מיט הכל־פּאַקל ;
אַז ער איז טויט, ניט לייגט זיך אויף מיין זינען,
נאָר כ'קען שוין מיין נשמה ניט געפינען.

1.8.1976

CL

דורך בענקעניש

פון טאַטנס הויז כ׳בין ווייט צום ערשטן מאָל,
זיך לערנען קיין אָדעס בין איך געפאָרן,
נאָך גייען אַלץ מיר נאָך די קינדער־יאָרן,
און ס׳ציט מיך צו מיין שטאָט אין גרינעם טאָל.

די בענקעניש טוט אָן אויף מיר איר עול
און טרייבט מיך צו דעם שוואַרצן ים מיט צאָרן,
צום ים, וווּ ס׳ווערט מיין דניעסטער־טייך פאַרלאָרן,
און כ׳גלייב, אַז כ׳וועל דערהערן דאָ זיין קול.

נאָר אַלץ אנטרינט ווי גלייך דער מאַמעס מילך.
אַנטוויינט האָט ניט דער ים מיך מיט זיין הילך,
דו, פריינד, האָסט מיך געהיילט פון היימען־פיבער,

די גרענעץ פון מיין קינדהייט כ׳בין אַריבער,
אין יוגנט כ׳בין מיט דיר אַריינגעגאַן.
דיין פריינדשאַפט האָט געשטאַרקט אין מיר דעם מאַן.

25.12.1975

CLI

צווישן קעלט און הונגער

ווען אויף אָדעס דער ים מיט קרירה בלאָזט
און ס'ווינט מיט מיר, דעם אָרעמען סטודענט,
אין צימערל אַ ווינטער אָפּ דער פראָסט,
אַז ס'רייכערט זיך דער שניי אַזש פון די ווענט,

און ווען אין בויך מיין הרובקעלע ניט ברענט,
ווייל מער אַ לאַבן פון אַ לעבן קאָסט,
דאַן האָסטו זיך, מיין פריינד, מיט מיר באַקענט,
און פון דיין דעך האָט ווי דער פראָסט געלאָזט.

דיין ווײַנשל־אויג מיט בראָנפנדיקן בליק
האָט פריילעך אָנגעזאָגט דאָס פראָסטע גליק,
אַז מיר חברים גוטע וועלן זיין ;

און אין אָדעס פון קעלט וואַרפט מיט דעם ים,
און ביטער איז דער הונגער אויפן טעם,
נאָר פריינדשאַפט — אונדזער דאַך און ברויט און וויין.

25.12.1975

CLII

סטודענטישער שטייגער

די ווינטער־נאַכט איז אין אַדעס ניט לינדער,
דעם ווינט איז פריי צו בלאָזן פונעם ים,
מירביידע גרוזען זעקלעך אויף דער באַן,
און ס׳גייט אונדז נאָך דער פראָסט — דער הויטנשינדער.

מיר טוליען איינס צום צווייטן זיך, ווי רינדער,
ס׳איז אימהדיק אונדז עפּעס אויפן האַרץ,
דער פייף פון צוג איז שאַרף, דער שניי — דאָ שוואַרץ,
נאָר מיר פאַרדינען ברויט טאַקע אַצינדער.

דאָס לעבל איז נאָך לעבלעך. אָט דאָס ברויט
מיר טוליען צו, סע וואַרעמט ביז דער הויט.
מיר לויפן גיך איצט פרישטיקן אינײנעם,

אַ הערינגל צעטיילן מיר אויף צוויי,
מיר זײַנען פול מיט פרייד, מיר טרינקען טיי,
פאַרבייסנדיק מיט לידער פון האָפּשטיינען.

5.8.1976

CLIII

דער טויט פון אַ סטודענטקע

אוי, אונדזער אַ סטודענטקע שטאַרבט אַוועק,
עס איז איר ניט געלונגען איבערשפּרונגען
די קאַלטע און די הונגעריקע טעג,
די עקטיקע איר הריזעט אָפּ די לונגען.

עס האָט שוין די טשאַכאָטקע איינגעשלונגען
איר מײדלש לײב; די אויגן — גרויס אַ שרעק,
אויף יעדער באַק עס בליט אַ רויטער פלעק —
דער פלאַם, וואָס פרעסט זי אויף, באַווייזט די צונגען.

ס'איז ענדע מאַרט, די וואַרעם הייבט זיך אָן,
מיר פירן זי אַרויס אויף דעם באַלקאָן
און נעמען זי אין שאַלעכל פאַרהילן,

זי אָבער הייבט אין פיבער אָן צו פילן,
אַז אָט די וועסנע, וואָס פאַר יעדן בלויט,
איז איר — דער לונגען־קראַנקער — פעסט דער טויט.

7.8.1976

CLIV

דורך ווילדעניש

יאָ, אָפּגעווּוינט מיר האָבן לאַנגע יאָרן —
איך אינעם וואַלד מאַריישן פון כוואָיע,
דו ביי קאַזאַנער אָזיערעס די בלויע ;
ווי בין איך אויך קיין סאָסנע ניט געוואָרן,

ווי האָב איך ניט פאַרלוירן מיין זכרון,
אויף קערן זיך צוריק צו תהו־ובוהו,
זיך אָנצושיקערן מיט כוחות רויע,
זיך ברעכן דורך געצווייג מיט הירשן־האָרן ;

און ווי ביסטו — דיין ליכט, דיין ברען, דיין האָפן —
אויך ווי אַן אָזיערע ניט איינגעשלאָפן ?
דיין האַנט געבענקט האָט מיר איר פריינדשאַפט שטרעקן,

מיין ליד ניט אויפגעהערט דיין גייסט האָט וועקן,
עס זאָל אין אונדז נישט טאָן זיך אַ פאַרטייע
דער זין אַזוי. אַז אויפשטיין זאָל די חיה.

23.5.1976

CLV

דער פריינד פון לידער

דעם פריידיקן נעמט אויך דער טויט דען צו,
דער טויט איז דאָך געבויט פון גאָלע טרויער.
ווער לאַכן האָט געקענט אַזוי ווי דו,
מ׳יר קלינגט נאָך דיין געלעכטער היינט אין אויער.

ביסט ברייט געווען צעוואַקסן ווי אַ פויער,
ס׳זאָל פריי דיין לוסט זיך קאַטשען האָבן ווו.
איצט האָב איך ניט קיין רו, אַוו ביסטו,
פאַרמאַכט האָט הינטער דיר זיך וועלכער טויער,

מיט וועלכן שליסל עפנט מען אים אויף,
מיט וועלכן שטראַל מע פליט צו דיר אַרויף,
מיט וועלכן קוואַל מע גייט צו דיר אין נידער,

אויף הערן דיך אַ לאַכנדיקן ווידער,
צי אפשר מיט געזאַנג דיך טאָן אַ רוף ?
האָסט ליב געהאַט אַזוי דאָך מיינע לידער.

8.8.1976

CLVI

אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים

גערבליבן אויפן וואַלד איז אַ מין שראַם,
דער שטורעם אויסגעהאַקט האָט דאָ מיט עזות
אַ לאַנגן פּאַס פון זילבערנע בריאָזעס ;
ווי ביטער ס'איז דער גורל אויפן טעם

זאָגט זייער זאַפט, וואָס טריפט ווי גלייך פון לאָזעס.
און כאָטש עס לעשט זיך אַלץ ניט זייער פלאַם,
נאָר אונטער זיי פאַרוויאַנעט שוין דאָס גראָז איז.
מיר זיצן ביידע דאָ אויף אַזאַ שטאַם.

אויף אונדז האָט אויך אַ שאַרף געטאָן די נעגל
דער גורל און פאַרשניטן אונדזער טרוים,
אַ קוק געטאָן מיט גלייכגילטיקן אייגל,

געמאַכט פון אונדזער גאַנצן אוצר שוים, —
אָט זיצן אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים
מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען אויך צוויי פייגל.

31.7.1976

CLVII

אויף בערדיטשעווער בית־עולם

צו דעם בערדיטשעווער בית עולם צו דעם אַלטן
אַוועק מיר זיינען מיט מיין פריינד אויף קבר אבות.
עס האָט דער נאַצי אַ מלחמה דאָ געהאַלטן
מיט טויטע אונדזערע, ווייזט אויס, ניט אויף קאַטאָוועס.

אַ וואַלד מצבות איז געלעגן אָנגעשפּאַלטן,
אויף וועלכע אָפּגעריבן שוין דער אויפשריפט ס׳רוב איז,
ווי ס׳וואָלטן פערד געדרעשט דעם אות מיט די פּאָדקאָוועס,
מ׳ע זאָל ניט וויסן ווער געוועזן ס׳איז דאָ באַהאַלטן.

עס האָבן דענקמעלער געפאַלענע, ווי שטאַמען,
דערמאָנט אין מתים, וואָס מע האָט זיי אויסגעגראָבן,
און מע דערציילט, עס פלעג אין זיי נקמה פלאַמען

און נאַציס פיל זיי האָבן אונטער זיך באַגראָבן.
נאָר ס׳האָבן דייטשן, דוכט, געמידט זיך יאָרן כמה,
אַז ס׳זאָל מיין פריינד ניט וויסן וווּ עס ליגט זיין מאַמע.

25.5.1976

CLVIII

דער טויט פון מיין שול־חבר

דעם אָנדענק פון משה גויכשטיין

אין לאַנד, וווּ אָזיערעס, ווי שלעסער פון בורשטינען,
אין זיך, דוכט, לאָזן פריי אַריין דעם הימל־רוים,
וווּ אויף די פעלדזן כוואָיע־וועלדער טונקל גרינען,
קיין גרונט דאָרט סטייעט ניט פאַר וואָרצלען פונעם בוים, —

דאָרט האָט אַ קויל אין דער מלחמה מיט די פינען
ד׳עריאָגט מיין שול־חבר... געאָטעמט האָט ער קוים,
ער איז געפאַלן אין אַ תהום, וווּ כוואַליעס פינען,
נאָר ניט געוואָלט אַזוי צערונען זיך אין שוים

און מיט די הענט זיך אין אַ יעל ווי איינגעביסן,
נאָר ווי פאַרביידן וואָלט שוין ערד דאָ ווייניק זיין,
אונטער זיין וואָג זיך האָט די יעל אַרויסגעריסן,

אוןביידע זיינען אין אַן אָזיערע אַריין.
איצט שווימט די יעל און אירע נאָדלען מעשׂות שפּינען,
אַז ס׳לעבט מיין חבר אין די שלעסער פון בורשטינען.

18.5.1976

CLIX

געטייטע ברודערלעכקייט
צו מיין מיטצייטלער

דאָס שלעכטס מיר האָבן דאָך פֿון שטענדיק צוגעפּודערט,
שטייט אונדזער זעל דערפֿאַר שוין אויף דער שוועל פֿון דלות.
ניין, מיר מיט דיר זיך האָבן קיין מאָל ניט פֿאַרברודערט,
איצט זיינען מיר אַ צוג, וואָס איז אַראָפּ פֿון שפּאַלעס.

אוי, ווי צערודערט זיינען מיר, אַזוי צערודערט,
ווײַל אויפֿן וואַסער זיינען מיר, וווּ ס׳שטאַרבן כוואַליעס,
און אַז די שטראָמען ווערן אַלע האַרטע סקאַלעס,
איז זיינען מיר די שיף מיט אַ צעהאַקטן רודער.

פֿאַרשפּילט די פֿריינדשאַפֿט האָבן מיר דעם שד אין קאָרטן,
ווי סע פֿאַרשפּילט די פֿרוי, זיך מאַכנדיק אַבאָרטן,
איר גאָלדן מוטער־לייב צוליב דער שפּיל מיט זינדער

און בענקט און דאָרשט דערנאָך, נאָר האָט שוין ניט קיין קינדער,
אַזוי אָן חברשאַפֿט מיר זיינען טויט פֿאַר פֿריידן,
איצט קען שוין יעדערער פֿון אונדז מיט זיך נאָר ריידן.

29.7.1976

CLX

דער וווּנדער פֿון פֿרײַנדשאַפֿט

מיט דיר געווען מיר זײַנען ווונדערלעכע פֿרײַנד,
וואָס פֿלעגן קענען, דאַכט, אַרויסרופֿן אין צווייען
די זון אַזוי, אַז זי האָט ליבלעך אונדז געשײַנט
און פֿלעג ווי, קוקנדיק אויף אונדז, זיך טאַקע פֿרייען.

און אונדז האָט דעמאָלט עפּעס קינדעריש געשײַנט,
אַז מיר אין איינעם קענען כּישופֿדיק פֿאַרווייען
מיט אונדזער חברישן אָטעם אַלע ווייען;
נאָר גרויסע פֿרײַנדשאַפֿט האָט דאָך שטענדיק גרויסע פֿײַנד.

אין אונדזער צײַט פֿאַרדעכטיק זײַנען שײנע זיטן,
פֿאַרשניטן האָט מען דיך, פֿון מיר אַרויסגעשניטן,
אַז דו זאָלסט פֿעלן מיר אויף יעדן ווענד און קער,

דאָך ניט צעוואַלגערט פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט איז דער הייכל,
איך שטיי אין דעם און קוק אויף דיר נאָר מיט מײַן טרער,
און דו ווי שטענדיק קוקסט אויף מיר נאָר מיט דײַן שמייכל.

29.7.1976

CLXI

די וואַלד־קרענעצע

אַ וואַסער־מיידל האָט זיך, דאַכט, אין דיר פֿאַרשטעלט,
דו שעפּסט נאָר, קרענעצע, פון קוואַל דעם סאַמע עכטן,
אַ דעק די ליפּעס איבער דיר אין הייכן פלעכטן,
כדי ניט אָנרירן די ריינקייט פון דיין וועלט.

דו האָסט מיט דרייסיק יאָר צוריק פאַר מיר געקוועלט,
און ס'איז מיר פּונקט ווי וואָלסט מיין האַרץ דערקוויקט
ערשט נעכטן,
אַוועלכער הימל האָט פון דיר אַרויסגעהעלט,
אַז אויך אַ שלאַנג ניט קען דערמאָנען דיך צום שלעכטן.

ביסט אָן אַ בושל־שטאַנג, אָן עמער, אָן אַ קייט,
מע דאַרף קיין קריגל ניט, קיין קווערטל ניט, קיין גלעזער,
דו קומסט אַנטקעגן יעדן איינעם פולערהייט,

אַז ס'טרינקען אָן ביי דיר זיך שוועלבעלעך און גרעזער.
ס'איז פריש און פול דער וואַלד מיט דיר און דו — מיט וואַלד,
און ביידע זענט איר ווי פון פריינדשאַפט איין געשטאַלט.
11.6.1976

מעדיטאציעס

CLXII

דעם בעש"טס פּעלצל

זיין פּעלצל דאָס צעריסנס־אָפּגעשליסנס,
ווי מאָדנע, דעם בעל שם טוב שטאַרק געפעלט,
ער זאָגט — "אין דעם איך בין ניט אָפּגעריסן,
נאָר שטאַרקער נאָך פאַרבינדן מיט דער וועלט,

מיט אַלע לעכער גיט עס אייך צו וויסן,
אַז אָפן ס'איז פאַר אורחים ווי אַ צעלט,
און ווערט אין דעם אַ שנייעלע פאַרשמיסן,
עס טייעט אָפּ פון עלנט און פון קעלט

און נעמט פון שיין און כמאַרעס אייך דערציילן,
און ווען עס טריקנט אויס און ווערט, דוכט, אויס,
דערפילסטו ערשט אין דעם ווי גאָט איז גרויס.

ניטאָ קיין קליינס, ווען נעמסט מיט גוטס זיך טיילן ;
און ווען דיין פּעלצל איז ניט קיין פאַרמאַכטס,
דעם גאַנצן הימל וואַרעמט אָן דיין האַרץ".

29.8.1975

CLXIII

דעם בעש"טס האַק

די מאָלדאָוואַנער קוטשמע אויפן קאָפּ
ווערט אויפן פראָסט, ווי זיינע האָר, אַלץ גרויער,
ער טראָגט זיין באָרד דורך סטעפּעס, ווי אַ סנאָפּ,
זיין האַק אין גאַרטל שטעקט ווי ביי אַ פּויער,

דער ווינט מיט רוגזה רוישט אים אין דעם אויער:
"אויך דו, דער בעש"ט, אויף אויפזידן אַ טאָפּ,
האַקסט ביי דעם בוים די צווייגעלעך אַראָפּ".
און ס'ענטפערט אָפּ דער בעשט דעם ווינט אין טרויער:

— אויב נאָר די האַנט געפירט ווערט פונעם האַרץ,
אויב נאָר דיין טאַט איז ריין אין דער כוונה,
איז אויך די האַק גאָטס טייערע מתנה, —

האַקסט אָפּ אויף האָלץ דאָס צווייגל דאָס פאַרדאַרטס,
איז וואַרעמער פון דעם אַ מענטש געוואָרן,
און אויך דעם וואַלד פאַרלענגערסטו די יאָרן.

29.8.1975

CLXIV

מיינע וויקעלעך

איך האָב זיך פֿאַרוויקלט אין ווינט,
אין וואַרעמען ווינט, ווי אין ווינדלען,
אויף ווידער אַדורכצושווינדלען
פֿאַר זיך און פֿאַר וועלט ווי אַ קינד.

פֿון מעשהלעך האָב איך געשפּינט
מיט באָביש־געוירשנטע שפּינדלען
אַ קינדהייט, וואָס אייביק זאָל קינדלען
מיט טרוימען, וווּ ליבע נאָר גרינט.

איך האָב זיך פֿאַרוויקלט אין ווינט,
אויף גיך נאָך איין אָטעם דערטראָגן
צו הערצער, וואָס הערן אויף שלאָגן,

אַ שטערן אַ גלעט צו טאָן לינד.
איך מוז זיך אין ווינטן פֿאַרהילן,
כּדי זיך אַליין איינצושטילן.

19.4.1975

CLXV

דאָס קינד און די צייט

ביז דריי, מע זאָגט, כ׳בין שיין געווען געבויט,
ניט קוקן אין מיין צורה מ׳האָט געקענט,
דאָס האָט די זון פון מיר אַרויסגעבלענדט —
פון אויגן, האָר, פון ציין און פון מיין הויט ;

איצט איז מיר זעקס, און ווער וואָלט מיך דערקענט,
די ציינער שוואַרץ, אין האָר אַ קאָלטן גרויט,
אין קרעץ די הויט און מיינע אויגן — רויט,
גלייך ס׳ווערן דאָרט די מענטשעלעך פאַרברענט ;

און מעסערדיק עס שטעקט מיין יעדער ביין,
ווי ביי דעם הונגער אָנגעשאַרפט אַליין,
אַ קויטיק העמד אויף מיר — און לייז אַ וועלט,

ווי קראָפּעווע אויף אַ פאַרוואָרלאָזט פעלד.
מיין שיינקייט ליגט אויף טיף ; און ביז איך זיג,
גייט אויף מיין קינדהייט דורך דער בירגערקריג.

22.12.1975

CLXVI

דער סוד

כ׳וויל עפענען זיך פשוט ווי דער סאָד
אין וועסנע־טעג נאָך אַ געבענטשטן רעגן,
כ׳בין מיד שוין זיין פאַר זיך אַליין אַ סוד,
פאַרפריער זיך צו בויען יענע וועגן,

וו פאַלן וועל איך אונטער יעדער ראָד
און גיין כ׳וועל אַלע ווייטעקן אַנטקעגן.
דאָס סודותפולע מוז דעם חלף רעגן,
מע שניידט מיין האַרץ צו זען, צי לעבט דאָרט גאָט,

מע זוכט, צי ווינט דער שד אונטער מיין שאַרבן,
און ווען איך פרעג די וועלט, וואָס מיך ניט שוינט
און דרעשעט מיך, דוכט, מער פון אַלע גאַרבן,

— ווער נאָך ביי מיר אין האַרץ, חוץ ליבע ווינט ?
זי ענטפערט אייביק אָפּ מיט וואָרט מיט האַרבן :
— דערוויסטו זיך דעם סוד, דאַן וועסטו שטאַרבן.״

31.1.1976

CLXVII

זעלבסטבאַשולדיקונג

אויב ס'קען מיין שווערד דעם תלין ניט דערשטעכן,
צי בין איך פאַר דעם בייזן ניט די שייד,
צי ווער איך ניט דער שותף צום פאַרברעכן,
צי בין איך אויף דער פרייהייט ניט די קייט,

צי איז ניט מיין געביין אָט יענע פלייט,
וואָס גאָר איר שפּיל עס קען די ליד פאַרשוועכן,
ווייל זי פאַרהילכט דעם אויסגעשריי פון לייד
און ס'קומט דערפאַר אויף שטיינער זי צעברעכן?

האָסט גאָט אין מיר אַזוינס אַריינגעטרערט,
אַז איידער איך זאָל יענעמס בלוט פאַרגיסן,
איז וויל איך זיין ווי גראָז אַרויסגעריסן;

נאָר כ'קען דאָס בייז ניט צוזען אויף דער ערד,
איז אפשר ניט קיין זינד איך זאָל שוין בעסער
אין זיך אַליין אַריינהאַקן דאָס מעסער.

1976

CLXVIII

באַוווסטזיין

ווער ס׳קומט ערשט לעבן, ווייסט דען וואָס הייסט טרויערן,
פאַר וואָס זשע קומען מיר מיט אַ געשריי?
מיר פילן נאָך ניט וואָס אַזוינס איז וויי
אין אונדזער גאַנג דורך מוטערלעכע טויערן,

מיר ווייסן ניט, ווי שוין סכנות לויערן
מיט ערשטן דעך, וואָס טוט אין אונדז אַ וויי.
אָט גיט דער מאַמעס קאָפּ זיך אַ פאַרדריי
פון אונדזער קינדער־לייב דעם זיסלעך־זויערן,

און דאַן זי ווערט אין גאַנצן יענע בריסט,
וואָס מיט איר מילך אין אונדז די חכמה גיסט,
דער מענטש געבוירן ווערט אונדז אונטער שאַרבן —

דאָס אומעטיקסטע נעמט די אויבערהאַנט.
אָ, ווען ניט אָט דער שניידיקער פאַרשטאַנד,
מיר וואָלטן אויך ניט ויסן ווען מיר שטאַרבן.

4.3.1976

CLXIX

צ י י ט

גיך וויאַנעט אָפּ מיין שווערער טאָג אויף קרוינען
אין איינעם מיט פאַרגייענדיקע שטראַלן ;
ווי גלייך אַ פרוכט, ער ווערט פאַר מיר ניט פאַלן,
עס לויפט די צייט, נאָר אַיילט אונדז ניט באַלוינען,

זי קומט אין אונדז, ווי דער ציגיינער, וווינען
און פירט אונדז, ווי די פערד, אַרויס פון שטאַלן,
און יאָגט אונדז ביז זי ווערט מיט אונדז פאַרפאַלן ;
זי קען ניט זיך, ווי קען זי אונדז גאָר שוינען ?

אונדז טרינקט זי אָן פון אונדזער קוואַל מיט טרערן
און נערט מיט אָבראָק פון צעהאַקטע שעהן,
און ווען מיר פאַלן, בלייבנדיק אָן טלאָען,

זי דרייט איר קאָפּ ניט אויס, זיך אומצוקערן,
כדי מיט שמיץ אויף אונדז צו פאָרן ווייטער,
ווייל טויט איז ווי דאָס פערד שוין אויך דער רייטער.

4.3.1976

CLXX

מיין אַלטיטשקער בולוואַר

מיין אַלטיטשקער בולוואַר ווערט טונקעלער אויף שטענדיק,
מיט דעם באַיאָרטן בלאַט זיין שאָטן אַלץ זיך מערט,
מיר האָבן זיך אַ מאָל מיט אים אַזוי פאַרשטענדיקט,
ווי גרינס מיט גרינס זיך פריידיק אָנגעקערט.

היינט איז ער מער פאַר מיר, ווי דעמאָלט, שוין ניט בלענדיק,
אַריינצוגיין אין אים מיר עפּעס גרויזאַם שטערט,
אַזוינס האָט זיך אין אים אויף אייביק שוין פאַרענדיקט,
וואָס נאָך איין מאָל צו זען איז גורלדיק פאַרווערט.

ס'איז אָפן מיין בולוואַר — קיין פּלויטן ניט, קיין דראָטן,
נאָר איבערטרעטן קען איך ניט זיין דינעם שאָטן,
וואָס טרויעריק אַזוי זיך מיט מיין שאָטן טוישט,

ווייל פול איז ער אַ מאָל געווען מיט מאָרגן־שטראַלן,
ווייל ס'האָט מיין קינדהייט דאָ אין קרוין זיינער גערוישט,
און אויף זיין גראָז מיין ערשטע ליבע איז געפאַלן.

13.3.1976

CLXXI

דער סאָנעט וועגן גוטקייט

מע זאָגט, די גוטקייט אין די אויגן מיינע ווינט,
אַז אָט די שכנה זעט מען אָפט זיך טאָן אַ צאַפּל
צווישן מײַן אַפּל און דעם פייכטלעכן שוואַרצאַפּל,
— צי איז ניט ענג איר דאָרטן, — פרעג איך ווי דערשטוינט, —

צי זיין אַ קאָמעניק אין אויג מיינעם איר לוינט,
ס'איז פאַר דער גוטקייט דאָך דאָס האַרץ דער העכסטער שטאַפּל,
אָן דעם די גוטקייט איז ניט מער דאָך ווי אַ מפּיל,
דער ענטפער איז — די אויגן־טרער דאָס האַרץ באַקרוינט.

איז ווי זשע האָט מען מיר דאָס אויג ניט אויסגעשטאָכן?
דער ענטפער קומט: — עס איז די גוטקייט דאָך אַ תּם,
ס'איז ווי ביי יענעם גאָלדן פישעלע איר פלאָם,

וואָס ווי מע בייגט אים ניט, איז ווערט ער ניט צעבראָכן.
— אויב אָט דאָס פישעלע, — כ'שריי אויס, — לעבט אויך אין ים,
ווי האָט דער אָפּפאַל נישט געטייט עס מיט זיין סם?

29.3.1976

CLXXII

זעלבסטדערקענטעניש

אויף זיך אַליין דערקענען, זיך פֿאַרשטיין,
פֿאַרשפּיליעט כ׳האָב מיין זעל ביז לעצטן קנעפּל,
נאָר כ׳האָב דערפילט, איך ווער דערשטיקט אין נעפּל
אונטער דעם פּלויט פון אייגענעם געביין,

אַז וואָס כ׳האַלט מער זיך זעלבסט ווי מיט די ציין,
אַלץ מער איך ווער דער וואָרעם אין דעם עפּל,
אַז כ׳קען ניט איבערשטייגן זיך אַליין
אַפילו ווי דער שנעק זיין מויערקעפּל.

און כ׳האָב באַשטימט צו זיין פון זיך דערווייטערט,
געמיינט, אַז אָט אַזוי כ׳האָב אויסגעלייטערט
צו יעדער אייל אין זיך אַ קלאָרן וועג,

אַז ס׳רויכלט אויס מיין וויי זיך אין אַרומען ;
און ווייט אַזוי בין איך פון זיך אַוועק,
אַז כ׳קען ביז היינט צוריק צו זיך ניט קומען.

3.4.1976

CLXXIII

מײַן טיר

מײַן אַלטע טיר, ביז הײַנט אויף דיר נאָך פֿרידלעך שלאָפֿן
געשניצטע לײבן־קעפּ פֿון דעמב סײַ טאָג, סײַ נאַכט, —
אָט נאָר אַזוי דו האָסט מײַן הײמלעכקייט באַוואַכט
און מכניס־אורחדיק די וועגן מיר פֿאַרלאָפֿן ;

מע זאָל ניט גנבֿנען פֿון שטוב מײַן גאָלד און פּראַכט,
איז ביסטו תּמיד פֿאַר דער וועלט געבליבן אָפֿן,
פּונקט ווי מײַן האַרץ האָב איך דיך קיין מאָל ניט פֿאַרמאַכט
פֿאַר גוטע פֿרײַנד, פֿאַר טרוים און רוים, פֿאַר זון און האָפֿן.

טאָ וואָס זשע איז מיט דיר, מײַן אַלטיטשקע, געוואָרן,
דו סקריפּעסט אונטער ווי וואָלסט מיד שוין זײַן פֿון יאָרן,
דו עפֿנסט אויף זיך און פֿאַרמאַכסט זיך עפּעס שווער.

מײַן טיר, האָסט אָנגעהויבן נאַריש זיך צו מאַכן,
און מורא האָסטו הינטער מיר זיך צו פֿאַרמאַכן,
ווי כ׳וואָלט ניט קענען אײביק עפֿענען דיך מער.

16.4.1976

CLXXIV

אַ באַשיידענער געבעט

דערנידעריק ניט, גאָט, מיך צו קיין קעניג,
זיין שטול ניט העכער איז פון ערב רב,
וואַלגאַטנער איז דעם שלעפּער אויף זיין סעניק,
זיין וועלטעלע פאַרשלאָפט ער ווי אַ גראַף;

דערהייב מיך ניט צום הערשנדיקן שקלאַף,
אויך אין זיין אויפשטאַנד בלייבט ער אונטערטעניק,
הכנעהדיק, ווען ער איז ווידערשפעניק,
ער הייבט זיך ווי דער האָרב אויף דיין באַשאַף.

איך בין אויף האַלב אַ קנעכט אויף האַלב אַ מלך,
צעשניטן זיין אויף צוויי איז גאָר ניט פריילעך,
און כאָטש ס'איז אויך דעם פראָסטן מענטשן שלעכט,

ווי ער צו זיין איך בעט ביי דיר די רעכט.
אויף קעניגלעכער הייד מיך פייגל פיקן,
און שלענג אין נידער קנעכטישן מיך שטיקן.

16.4.1976

CLXXV

געאָרגינען

צי שפּעט האָט איר צעבליט זיך געאָרגינען,
דעם פרילינג האָט איר קינדיש זיך פאַרטרויט,
ווען איבער אייך האָט שוין דער האַרבסט געגרויט.
עס איז אייך ניט געקומען אויפן זינען,

אַז אייער פלאַם, וואָס ברענט אין בלעטלעך רויט,
וועט נאָר דעם טוי דעם פראָסטיקן געפינען;
עס האָט דער ווינט געלאָשן אייער גינען,
געשליידערט צו צעברעכן אייך אויף טויט,

אַ וויאַנענדיקע צייט האָט אייך באַגעגנט,
אַ טריבער הימל האָט אויף אייך גערעגנט,
דאָס קריינדל האָט געבויגן זיך אַראָפּ

ביי אייך צום גרונט צעבלוטיקט, ווי אַ קאָפּ,
נאָר איר מיין האַרץ געוועז זענט אַזוי טייער
ווי אין אַ קאַלטער וועלט דאָס לעצטע פייער.

26.5.1976

CLXXVI

דער וואַלד־סאָנעט

אין אַזאַ זומערדיקן ליכטיקן פרימאָרגן,
ווען ס'האָט פון זיך די זון אַליין מיך אויסגעשטראַלט
און ס'האָט מיך אויסגעטאָן דער ווינט פון אַלע זאָרגן,
בין איך אַוועק, אַ פרייער קונדס, אינעם וואַלד.

באַוויזן האָט זיך דאָרט יענץ מיידלשע געשטאַלט,
וואָס איז אין גרינסן און אין זאַפטן טיף פאַרבאָרגן,
און האָט צו וואָרצלען מיך פאַרפירט דורך יעדן שפּאַלט,
מיט אַלע צווייגן פון איר ליבע מיך געוואָרגן,

אַריינגעכישופט מיך אין גאַנצן אין אַ שטאַם,
אין טראַכט ביי אים צונויפגעדרייט מיך ווי אַ בייגל,
ביז אויפגעבלעטערט כ'האָב זיך אויך אין גרינעם פלאַם,

פאַר קינדיש גליק פאַרמאַכט אַן אייגל נאָך אַן אייגל,
און אין מיין שלאָף געוועז אַ וואַלד, וואָס לעבט זיך סתם,
ביז אויפגעוועקט מיך האָבן אַלע זיינע פייגל.

17.5.976

CLXXVII

עלעגישער פּייזאַזש

דער זונפאַרגאַנג איז גאָלדיק נאָך גערעגן
אין קילימעס, וואָס טאָג האָט אָנגעטריבט,
נאָר ווייל מע האָט צו פיל אויף זיי געטראָטן,
באַדעקן זיי אַלץ מערער זיך מיט שטויב.

דער מערב גוססט שוין ביי מיר אין שויב,
און לענגער שוין פון מיר עס ווערט מיין שאָטן,
די זון איז שוין אַן אויסגעפּרעסטע טרויב,
און שטערן זיינען נאָך ניט אויסגעשאָטן.

איך גיי אַרום אַן אַלטיטשקער, שוין גרוי,
ווי גלייך איך בין אַליין אַ שטיקל דעמער,
און קלייב די לעצטע שטראַלעכלעך, ווי שטרוי.

פונקט ווי די לעצטע גראָזן קלייבן לעמער,
ווען דו ביסט אַלט, איין שטראַל איז בעסער היינט
פון גאַנצער זון, וואָס מאָרגן דיר ניט שיינט.

31.7.1976

CLXXVIII

האַרבסט־סאָנעט

דער ריח פֿון די וויאַנענדיקע גראָזן,
אַן אָנגעשטאַנענער אויף ערשטע אָסיען־רעגנס,
זאָגט אָן, אַז ס'איז די וועלט איצט אונטערוועגנס,
ווי גלייך זי וואָלט איר אַלטע היים פֿאַרלאָזן,

קיין נייע ניט געפֿונען. און פֿאַרדראָסן
נאָר זיינען בסך הכל איצט איר אייגנס,
דער זאַק מיט טרויער איז איר גאַנץ פֿאַרמעגנס,
און ווינטן פֿיר אויף איר דעם עלנט בלאָזן.

מיין וועלט, ווען אַלע, אַלע וואָלקנס הוליען,
וווּ ווּעסטו צו דער וואַרעמקייט זיך טוליען,
ווי ווּעסטו פֿון דער זון און פֿון די שטערן

פֿאַר זיך דיין דרויסן ווידער היימלעך מאַכן,
איך ווייס דאָך גוט, ס'איז ניט פֿון גרינגער זאַכן
אונדז צו דער אַלטער היים זיך אומצוקערן.

5.4.1976

CLXXIX

דער סאַטירישער סאָנעט

ניט ווייַן, הײַנט װעט מיך קיינער ניט פאַרשיקן,
מיט הינט מיך אין קיין לאַגער ניט פאַריאָגן,
ניט טרעטן מיט די פיס מיך און ניט שלאָגן
און אויך מיך אין אַ קאַמער ניט דערשטיקן,

צו אַש מיך ניט פאַרברענען אין פאַבריקן,
צי גלאַט אַזוי אויף שטיקער מיך צעטראָגן
און אָפּפירן צום ראָוו מיך אין אַ וואָגן, —
הײַנט איז אַ טאָג, מײַן פרײַנט, פון גאָלע גליקן:

דעם לאַגער פעלט אַ פלויט צו זײַן אַ טויט,
דער קאַמער פעלט אַ גאַז צו זײַן דער פלויט,
דורך װעלכן ס'קען אײַן אָטעם ניט אַריבער,

פאַר הינט איז דער עקזאַמען הײַנט אַ טריבער,
ס'האָט איינער אויף אַ פעלער זיך געפּאַקט,
און מיט אַ פעלער גייט מען ניט אויף יאַגד.

31.5.1976

CLXXX

אַ בלינדע וויגע

עס בושעוועט אין מיר אַ בלינדע וויגע,
אין מיר זיך דרייט, ווי אין אַ פוסטער מיל,
די ווידמע — "די יאַוודאָכע" — ווילד־משוגע,
ווי גלייך מיין זעל אַרויסבלאָזן זי וויל ;

פאַר וואָס זשע ניט פאַרווייט דער זאַמעטיל
אין מיר די פּלאָג, דאָס האַרציקע, דאָס קלוגע,
פאַר וואָס בין איך נאָך אַלץ ניט קיין פּאָפּוגע,
פאַר וואָס איז ניט פאַרשנייט נאָך מיין געפיל

אַזוי, אַז ס'זאָל מיין האַרץ שוין זיין פאַרשאָטן,
אַזוי, אַז ס'זאָל מיין זין אַריין אין שאָטן ;
פאַר וואָס זשע איז מיין בלוט נאָך אַלץ ניט קיל,

פאַר וואָס זשע איז מיין אָטעם אַלץ ניט שטיל,
פאַר וואָס בין איך קיין אייז נאָך ניט געוואָרן,
וואָס וואַרעמט אַזוי ליב נאָך מיין זכרון ?

31.1.1976

CLXXXI

דער סאָנעט וועגן אַלע פיר ווינטן

ווו איז מיין פרייער אָטעם אויסגעגאַנגען,
ווו איז פון פרישע ווייאונגען דאָס גליק ?
איך האָב געזען, אַ טויטער, אויפגעהאנגען,
דער לעצטער ווינט זיך הוידעט אויף אַ שטריק.

אָ, ווינטן פיר, געוועזן זענט איר די וויג
פון אונדזער וועלט און אויך אירע געזאַנגען,
נאָר איינער איז אין דרום־זייט פאַרגאַנגען,
די היץ האָט אים פאַרברענט, דאָס זאַמד דערשטיקט ;

דער צווייטער שוין ווי אייז אויף צפון ליגט,
דער דריטער שלאָפט אין מעריב־אַלקערס זיסע,
און וויל ס׳האָט מיט תלינים זיך צעקריגט

דער ווינט אויף מיזרח און איז חיב מיתה,
איז האָט ער זיך געהאַנגען, שוין באַזיגט,
אין איינעם מיט מיין אָטעם אין אַ תפיסה.

28.8.1975

CLXXXII

צווייהאָרביקייט

גפּערלעד אויסגעקרומט זיך האָט דער רוקן
ביי אונדזער וועלט פון בייגן זיך פאַר בייז,
זי טוט איר אויג צום הימל אַ פאַרגלייז,
נאָר האַלט זיך פאַרן גהינום אין איין בוקן,

איר שמעקט ניט אונדזער מי און אונדזער שווייס,
און ליב איז איר אין בלוט זיך אונטערטוקן,
איר איז אַ טרייסט אויף אונדזער פּיין צו קוקן,
איז ווער זשע קען זי געבן אַ דערלייז,

באַפרייען זי פון קנעכטישקייט ביי זאַכן,
ווער וועט איר זעל דען קענען גלייכער מאַכן,
אַז צביעותדיקייט איר פאַרמערט די קרענק,

אַז דער געדעכט איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן,
איצט טראָגט זי שוין אויף זיך צוויי שווערע האָרבן,
ווי זאָל ניט זיין דאָס האַרץ איר אויסגעלענקט ?

3.8.1976

CLXXXIII

שינאה

אַ וועלט כ׳האָב אָפּגעלעבט און ניט געוווסט,
אַז כ׳קען דער שינאה גיבן אויך פּרנסה,
אַז ווען דער אומרעכט שניידט מיך ווי אַ קאָסע
און עפּעס טוט אַ קרום זיך אין דער ברוסט,

ווערט פּלוצים אויך מיין בליק בפירוש קאָסע,
אין שלעכטס זיך נוקם זיין כ׳באַקום אַ גוסט,
מיט פייער גיסט זיך אָן מיין אויגן־ראָסע,
וואָס גרייכט, דוכט, ביז דער ברעם, ווי צו אַ קוסט,

אַז אָנצינדן זאָל זיך דאָס גאַנצע פּנים: —
ווייזט אויס, אַז דאָס פאַרברעכן פון די שונאים
איז שוין פון יענער שוידערלעכער גרייס,

אַז איך, וואָס שטאָם פון סאַמע שטילע טויבן,
זאָל זעצן מיט געשריי אין הימל שויבן, —
פאַרוואָס קומט אויך מיר, גאָט, צו ווערן בייז?

1.7.1976

CLXXXIV

נאָך דעם בראַנד

ס'האָט אַלץ זיך נאָך ניט אויסגעוויינט דער טאָג,
אויף גראָזן־וויעס הענגען אַלץ נאָך טרערן,
אַז ס'קענען שאָף צו פּאַשע זיך ניט קערן,
די גריבער־וווּנד איז טיפער פון דער קלאָג,

דער יאַרן־שראַם איז גרעסער פון דער פּלאָג,
די ערד אין גאַנצן — איין פאַרמאַכטער קערן,
וואָס קען זיך אונטער רעגנס אויך ניט מ'ערן
און פונקט ווי אין קאָנוולסיעס זיך שלאָגט ;

ווי גלייך מע וואָלט איר מוטער־טראַכט פאַרסמען,
מ'האָט קינדער אין איר לעבעדיק פאַרזייט,
איז קען זי זיי ניט ברענגען טויטערהייט ;

געבוירן האָט זי העק פאַר אירע שטאַמען —
דעם מערדער און דעם קרבן זאַלבעצווייט —
פון ביידע פּירות ווייז איז איר, דער מאַמען.

15.6.1976

CLXXXV

אַ העקעלע

זיין גורל האַלט ניט קיינער אין דער האַנט,
דאָך יעדער איז דער גורל פון אַ צווייטן
אַפילו ווען זיי בלייבן ניט באַקאַנט, —
די זוים ניט וייסט פון פעלד פון איר פאַרזייטן,

און ס׳קענען ניט די בייטן זייערע קווייטן,
און פרעמד אין שטוב אַ וואַנט איז צו אַ וואַנט,
און ס׳שטייט די וועלט דאָך שטענדיק אויפן ראַנד,
ווו מע באַגעגנט זיך, כדי באַגלייטן,

דאָס לעבן קומט אויך זיך אַליין צו טייטן,
דער טוי זיך גרינג פאַרוואַנדלט אין דער בראַנד,
די פרייהייט אָפט איז שוואַנגער אויך מיט קייטן,

און שדים שאַפן אָפט זיך אַ פאַרבאַנד,
אַ העקעלע — די וועלט, און גוט פאַרבונדן,
דאָס העקעלע זיך טשעפּעט ביי די ווונדן.

1.8.1976

CLXXXVI

אויפֿן קרייצוועג

אויפֿן קרייצוועג זיין ווי אויפֿן קרייץ
תמיד איז מיין יעדן שפּאַן באַשערט,
פֿילט אַזאַ מין ווי דען אויך דער ווייץ
צווישן סערפּ און מילשטיין אויף דער ערד ;

ס׳האָט מיין בלוט נאָך אַלץ דעם שאַרפֿסטן רייץ
פֿאַר דער קאָסע, חלף און דער שווערד.
וועלכן ים האָט האַרץ ניט אָנגעפּלייצט,
וועלכע ערד האָב איך ניט אָנגעטרערט.

ווער האָט מיך אַזאַ־מין־אָ געדאַרפֿט,
איך בין אויך אַזוי שוין אָנגעשאַרפֿט,
אַז עס ליגט אויף גאָרער וועלט אַליין

ווי אַ קרייצוועג טרוקן מיין געביין.
און איך בעט ביי גאָט, זאָל כאָטש מיין פּיין
אויך קיין קרייץ פֿאַר אַנדערע ניט זיין.

9.6.1976

CLXXXVII

שפּענדלעך

אַ דונער האָט צעשפּאָלטן מיך, צעבראָכן,
עס טריקנט אונטער רעגנס אויס מײַן קרוין,
קיין ווינטן וויגן מער שוין ניט מײַן בוים,
איך בין פֿאַר זיך אַליין אַ פֿרעמדער שכן,

ס'איז יום טוב מיר דער גרויער אין דער וואָכן,
פֿאַרוואָרלאָזט ווערט דאָס אָרט נאָר, וווּ איך וווין,
און וואָס עס איז שוין גאָרניט — איז מײַן לוין,
און ס'בלייבט די שווערע ליידיקייט מײַן תּוכן,

און נאָר אויף צו צעשיידן קומט די בריק,
די נאָדל־פֿאָדעם קומט אויף צו צערײַסן,
און ס'עפּענען זיך הערצער נאָר צו בײַסן,

מיך ציט צו זיך דער אומגליק, שרעקט דאָס גליק.
איינס איז מיר, דעם צעשפּאָלטענעם, פֿאַרשטענדלעך,
אַז ס'איז די וועלט אַ האַק, מיר — אירע שפּענדלעך.

4.6.1976

CLXXXVIII

בלאָנדזשעניש

אין מיטן טאָג איז פּירט עס מיך אַרום,
אַ שרעק צו בלאָנדזשען צווישן דריי נאָרביימער,
דער זעלבער וועג איז גלייך און אָט־אָ קרום,
אַן אָפּענער און אויך אַזאַ געהיימער,

און פרעג איך ״וווּ ?״ — אַ גאַנצע וועלט בלייבט שטום
און ס׳וואַקלען אונטער מיר זיך אַלע שטיינער,
די סעמאַפאָרן — בלינד, סע ברענט ניט איינער,
און קיינער זאָגט ניט ״שטיי !״ און קיינער : ״קום !״.

פון מיינע פיס עס טוט זיך, דוכט, אַ שאָט
מיין אָפּגעהאַקטער גאַנג, מיין פוסטער טראָט,
און ס׳נאָגט אַזוי, ווי ס׳וואָלט דאָס האַרץ געגאַן

געזעגענען זיך מיט מיין לעצטן שפּאַן,
און ס׳ברעכט אין מיר אַליין זיך יעדער ביין,
ווי גלייך ער האָט שוין ניט וווּהין צו גיין.

31.5.1976

CLXXXIX

צאַרטקייט

כ׳בין צאַרט ווי ס׳איז דער רויזנשטרויך, וואָס ריין
האָט זיך דער בין אין גאַנצן אָפּגעגעבן,
אַז אַלץ, וואָס איז אין אים נאָר מילד און שיין,
זאָל אָט אַזוי צו יעדן האַרץ דערשוועבן;

כ׳בין צאַרט, אַז מורא כ׳האָב אויף גראָז צו שטיין,
פון דעם איז דאָך אַ וועג נאָר גוט צו וועבן,
כ׳וואָלט גלעטן מיטן טראָט אַצינד דעם שטיין,
אַז העלפן זאָל ער גיין אונדז אינעם לעבן.

דערצייל ניט, אַז דיין האַרץ האָט פאַר דער בין
צעעפנט זיך, ווי אַלע רויזנשטרויכן,
אַז יעדער בלאַט דיין אָטעם וויל באַהויכן,

מ׳עט זאָגן, אַז געררט דו ביסט פון זין,
ס׳איז לעכערלעך דיין יעדער טראָט דער צאַרטער,
ווען ס׳איז די צייט פון אַלע שטיינער האַרטער.

24.7.1976

CXC

דערוואַרטונג

אויף וועסנע כ׳האָב אַזוי געוואַרט,
אָט שניידט זי זיך פון הימלען כמורע
און קומט מיט ערשטער פויגל־שורה —
אַ מוטנע ריטשקעלע אין מאַרט,

און אין אַפּריל — אַ קינד פאַרשאַרט,
אין מיי — פון יוגנט זעלבסט די צורה ;
און דאָך האָט זי מיר אָפּגענאַרט
אַ גאַנצע וועלט ווי אַן ארורה.

געשטאָרבן איז ביי מיר אַ טרוים,
און כ׳קען ניט ברענגען אים צו קבורה,
ווען ס׳איז דער רוים איין בריסט אין שוים,

אין מ׳ילד, אין צוויט, אין יונגער גבורה ;
ס׳איז טראָגן שווער אין האַרץ אַ מת,
ווען ערד און הימל איז נאָר בעז.

30.7.1976

CXCI

אַ שטערנדל

אַ מאָל געווען אַ שטערן בין איך אויך
אויף נידעריקע שטעטלדיקע דעכער,
געווען פון זייער מזל כ׳בין ניט העכער,
מיין מראה האָט געבלויט פון זייער רויך,

אין זייער שטרוייק־גינגאָלדענעם בויך
כ׳האָב טראָפּנס ליכט געטריפט פון טרייסטן־בעכער
און רענדלעך טרוים געשיט אין זייערע לעכער
און מעשיות אַיינגעהויכט־אַריינגעלויכט.

אַרום דעם שטעטל־האַרץ כ׳האָב זיך געדרייט,
און אויף זיין ציונגס־קראַפּט כ׳האָב זיך געהאַלטן,
אין זיינע שטראַלן האָב איך זיך געקליידט

און מיט זיין ווייטעק האָב איך זיך געשפּאַלטן.
כ׳האָב אָפּגעברענט מיט שטעטלדיקע דעכער, —
כ׳בין ניט געווען פון זייער מזל העכער.

17.12.1975

CXCII

בענקעניש

וואָס דרייסטו בענקשאַפט אויס צוריק מיין בליק,
דער וועג צוריק — אַ פּאָכע מיט דער פּאָלע
איז נאָר פון צייט פּאַר אויגן מיינע שמאָלע,
וואָס כ׳זשמורע צו דערזען אַ ביסל גליק.

וואָס בענק איך ? — נאָך מלחמות, הונגער, שטריק,
נאָך גאַזקאַמערס, נאָך לאַגערס, נאָך בהלה.
אַפילו ווען געהאַט איך האָב אַ זיג,
איז אויך דער זיג געוואָרן מיין מפּלה.

צי אפשר איז מיין בענקעניש דערפאַר,
וואָס ס׳האָט די צייט געמאַכט מיך צו דעם נאַר,
און אַלץ, וואָס זי האָט מיר אַ מאָל געגעבן,

איז נאָר אויף אָפּצונעמען מיר דאָס לעבן.
דער טאָג האָט מיך און איך האָב אים פּאַרפעלט,
און ס׳הייסט, אַז אָפּגעלעבט האָב איך אַ וועלט.

8.8.1976

CXCIII

באַליידיקונג

וואָס וויינסטו, האַרץ, אין מיר, ווי גלייך אַ קינד,
ווער האָט באַליידיקט דיך, אַ שטראָל אַ קאָסע,
צי ווייל דעם הוט עס רייסט פון מיר דער ווינט,
צי ווייל אַ קווייט פאַרשניטן האָט מיין קאָסע,

צי ווייל עס לייגט זיך שווער אויף מיר אַצינד
דער יאָך פון וואָך, די דאַגות פון פרנסה,
צי ווייל ביי נאַכט אין שלאָף האָט מיר געשפּינט
מיט בלינדע הענט תכריכים די קורנאָסע,

צי ווייל ס'האָט שטום באַגעגנט אונדז אַ בוים,
צי ס'האָט אַ שאָטן, דוכט, אויף אונדז געשריגן,
צי ווייל דער טייך האָט היינט צערייצט געשפּיגן,

ניט ווּיסנדיק אַליין, אויף מיר מיט שוים ?
אין טעג, וואָס רייסן אויף זיך ווי שראַפּנעלן,
ווי קען דיר, האַרץ, אַ קינד צו זיין געפעלן.

13.7.1976

CXCIV

אַ היינטצייטיקער חלום

אָפּט אין מײַן שלאָף באַפֿאַלן מיך די גרוילן,
מיר דאַכט, כ׳בין אין אַ טויטלאַגער געראָטן: —
די אָדערן — נאָר שטעכנדיקע דראָטן,
די ביינער מײַנע — קוילן און פּיסטוילן,

דעם קאָפּ איז אַ פּראָזשעקטאָר זײַן באַפֿוילן,
אַז ניט אַנטלויפֿן זאָל איך פֿון מײַן שאָטן,
דער זעל אַ קרעכץ צו טאָן איז שטרענג פֿאַרבאָטן,
און נאָר אינסטינקטן פֿרײַ און הינטיש הוילן;

און כ׳וועך דער שטיין, וווּ ס׳שלײַפֿט די שטאָל זיך שאַרפֿער,
די אויגן זײַנען נאָר צוויי קוילנוואַרפֿער,
געלאָדענע מיט בלײַ און ניט מיט טרערן,

וואָס צילן, אַז דאָס האַרץ אַ לאָך זאָל ווערן.
ווען כ׳רײַס זיך אויף, איך פֿיל זיך ווי געוועזן,
כ׳בין נאָר פֿאַר זיך אַ טויטלאַגער געוועזן.

31.1.1976

CXCV

אַ שטאַם אויפן וואַסער

אַט שווימט ער אָפּגעריסן פון זיין פּליט,
די קאָרע־הויט מ׳האָט לאַנג אים אָפּגעשונדן,
און הויל איז ער פאַר גורלדיקן שניט —
אויף אייביק איז די ערד פון אים פאַרשוווּנדן;

דער וואָרצל, וואָס האָט אים מיט גרונט פאַרבונדן,
איז מער נישטאָ. ס׳האָט נאָר אַ מין באַנדיט
דערשטיקט זיין קרוין, צעפליקט זיין פויגל־ליד,
אַז מער זאָל זיך די זון פאַר אים ניט צינדן.

איצט שעפּט ער שוין, ווי גלייך אַן אופּאַלאָווניק,
זיין איינזאַמקייט אויף יעדן ווענד און קער;
ווי אויף אַ שיף, אויף אים — אַט דעם וואַנדראָווניק,

צום ים די טייכן שיקן זייער טרער.
אַז וואַקסן זאָל זיין עלנט און זיין בענקען,
ער קען זיך אין קיין וואַסער נישט דערטרענקען.

13.7.1976

CXCVI

דער אודאָד

ער איז געקעסטלט, ווי אַ שאַכברעט, דער אודאָד,
ס׳איז ליכט און שאָטן שיינקייט זיינער אונטערטעניק.
ער לעבט ביי אונדז, ווי גלייך אַ מעשהלע, אין שטאָט,
ס׳איז אָט דער פויגל דאָך דער גילגול פון אַ קעניג.

כאָטש אויף זיין קעפעלע אַ גרויסע קרוין ער האָט,
נאָר יעדער הערשאַפט ער אין פלי איז ווידערשפעניק.
איידער אַ האַר איז בעסער זיין אויף גאָטס באַראָט,
און צען מלוכות פאַר איין פליגל איז אויך ווייניק.

אויף זיינע קעסטעלעך דאָס לעבן שפילט אַ שאָך,
דער ווינט מיט שוואַרצע גייט, די זונשיין גייט מיט ווייסע,
און ווער ס׳פאַרשפילט אויף אים, פאַרשפילט דאָך נאָר דעם יאָך,

זיין קרוין פון פרייהייט בלייבט אים אייביק, ווי אַ מעשה.
דו בונטער פויגל, ס׳שפילט אויף דיר דאָס לעבן פריילעך,
מיין פרייהייטליבנדיקער, זיי ביי אונדז דער מלך.

16.7.1976

CXCVII

ווער ווייסט ?

ווער ווייסט דען וואָס עס גרייט פאַר מיר דער מאָרגן,
צי וועל איך זיין די קרוין שוין אָן דעם הימל,
צי יענע צווייג, וואָס האָט שוין ניט זיין בלימל,
צי אפשר גאָר די בלאַט, וואָס דאַרף שוין זאָרגן

באַוועגונג ביי דעם ווינט פאַר זיך צו באָרגן
אויף ערד, שוין אויסער בלעטערשן געווימל,
ווען ס'איז דאָס גאַנצע גרינס אין דיר דערוואָרגן,
און קענסט ניט זיין אַפילו אויך קיין שימל.

אַלץ, וואָס פאַרייניקט, דאַכט זיך, דאָס איז לעבן,
אַלץ, וואָס צעטיילט — איז ריס אין די געוועבן,
און אפשר אויף דער זינדיק־ליבער ערד

קען אויך דאָך זיין דאָס אייגענע פאַרקערט, —
איז פון דער מילב, וואָס איז, דוכט, ניט פאַראַנען,
דאָס גרעסטע — אונדזער האַרץ — דען ניט אַנשטאַנען ?

1.7.1976

CXCVIII

מאָסן

דאָס מענטשלעך לעבן — לויט דעם האַרץ זיין לענגשאַפט,
דאָס האַרץ באַשאַפט זיין ברייט, זיין הייך, זיין גרייס
לויט ווי עס קען אויך וונדיק ליבן הייס,
די ליבע מעסט אַליין זיך לויט איר בענקשאַפט

דערווייטערט זיין פון נידעריקס און בייזס,
צו זיין ביי דער געליבטער אין געפענקשאַפט,
נאָר אירע אָרעמס זיין זאָלן די ענגשאַפט
פאַר דעם געמיט, וואָס דאַרשט צו זיין דערלייזט ;

און דער געמיט, ער מעסט זיך נאָר מיט פרייהייט,
די פרייהייט — לויט דער מאָס און מין פון טרייהייט,
צי איז זי דיר אַ פעל, צי גאָר די שוועל,

זאָלסט זיך אַריבערגיין — דאָס איז דיין זעל,
און די נשמה איז נאָר אויסצומעסטן
לויט ווי זי קען פון שטורעמס בויען נעסטן.

29.7.1976

CXCIX

טרייסט

דער וואָרעם, וואָס אין דעמב אַריין זיך שניידט,
איז ווייטעקדיקער פאַרן שניט פון מעסער,
זיין הערשאַפט וואַקסט, וואָס מער דער קרבן ליידט,
ער בויערט אויס אין שטאַם זיך גאַנצע שלעסער,

און ווי געוועז וואָלט ער פון אַדל־לייט,
ער טרינקט זיך זאַפט, וואָס איז פון ויינען בעסער;
אויף אים די קרוין, וואָס איז פון אַלע גרעסער,
ווי ער וואָלט זיין דער קעניג פון דער צייט.

ער שינדט אַראָפּ די קאָרע פונעם דעמב,
ווי מיט דער הויט זיין וואַלדיש פּורפּור־העמד.
נאָר ס׳ווערט דער וואָרעם, גראָבנדיק די לעכער,

אַלץ נידעריקער, סלינעדיקער מער,
און איבער אים דער זאַפט גייט ווי אַ טרער,
און ס׳איז דער דעמב אין וונדן זיינע העכער.

26.6.1976

CC

אָפּשייד

אַ דאַנק דעם ליבע־קריגל,
וואָס שעפּט זיך גאָר ניט אויס,
אַ דאַנק דעם קינדער־וויגל,
וואָס מאַכט פון קליין אונדז גרויס,

אַ דאַנק דעם ריינעם שפּיגל,
וואָס מאָלט דאָס האַרץ אונדז אויס,
אַ דאַנק דעם פייער־טיגל
פאַר זיין דער ליד אַ שויס ;

דעם הימל — פאַר די טויבן,
דעם ים — פאַר כוואַליע־בלאַנק,
דעם באַרג — פאַר פעלדז און שטויבן,
דער ערד — פאַר אַלץ אַ דאַנק,

צו לאָזן זיי פון אויבן
און גיין אין גרוב — טוט באַנק.

6.8.1976

אינהאַלט

דער סאָנעט	5
ARS POETICA	7
מיין גאָרטן־גריל	9
מיין דעמאָן	10
געזעצן	11
ווערטער	12
דער לירישער געדיכט	13
די טראַגעדיע	14
ראָמאַנטיזם. צו דער, וועלכע ווערט אַ וואַסער־מלכה	15
דאָס ניט פאַרפולקומטע	16
דאָס נייע אין דיכטונג	17
DOLCE FAR NIENTE	18
דער פּאָעט און דער ווינט	19
צו שלום עליכמען	20
צו יידיש	21
חיים נחמן ביאַליק	22
דער זיג פון געזאַנג	23
דער פאַרכישופטער טראָמפּייט	24
אָן אַ גאָלדענער מיט	25
די שעפערישע קראַפט	26
דער גאָלדענער בוים	27
דער כוח פון דער ליד	28
דער נעפל און די פּאָעזיע	29
אָן אַ יורש	30
קאַסטאַליער קוואַל	31

ליבע 33

דער לעצטער ריטער 35
דער טויט פון לעצטן ריטער 36
דער פאָלקסטימלעכער סאָנעט 37
מורדיש און דאַנקבאַר 38
אַ קוש 39
דערנידעריקונג 40
דער וועגווייזער 41
פּאַראַדאָקס פון לעבן 42
פאַרהימלט 43
Eros 44
„אַ פעלער" 45
נאָך אַ פּאָגראָם 46
בראשיתדיקס 47
דיין חן 48
דיין שניידנדיקער בליק 49
צו מיין שילערן 50
דער באַזיגטער 51
דער הומאָריסטישער סאָנעט 52
צוויי אָטעמס 53
סאָנעטן פון פּרוכטיקער ליבע
ווי אַ פּרי אונטער אַ בלאַט 54
דער טייך פאַרכלינייעט זיך 55
דאָס דריטע פייער 56
דאָס שוועלבעלע פון זיין 57
צווישן דער פּלייט און דער קאַנאָן 58

דער הייסער פּאָדעם	59
אין די נעגל פון אַ שפּאַרבער	60
דער שטיין פון מיין היים	61
מיט לייב און אייזן	62
אין רעכטן וועג	63
ווער נעלם, בייזער גייסט	64
סאָנעטן צו קלאַרען	
אויף דער גרינער לאָנקע	65
לופטבלעזלעך פּאַרפּליען	66
זאַפטן פון לעבן	67
די כמאַרע	68
די קרויזן אויף דיין האַלדז	69
ביים זונפאַרגאַנג	70
ניט אָפּצולעשן	71
ווי אַ שייטער	72
פאַרשעמטקייט	73
דער ליבע־ציטער	74
מיטן וועג פון דער טאָפּאָליע	75
די סטענגע	76
גורלדיקס	77
אין ליבע אויסרונען	78

ישראל

סאָנעטן צו ישראל

ישראל, ביסט ווי יענער ערשטער אָטעם	81
אַרומגעשניטן מ׳האָט דיין ערד מיט ווונט	82
פאַר מיר שוואַרצחנעוודיק דיין ערד איז ווי שולמית	83

מיין פּאַסטעכקע 84
צום כותל המערבי. טרילאָגיע 85
פון וועלכן צאַרטן שטיין ביסטו געמאַכט 86
דו ביסט די וואַנט פון פאָלקישע געזאַנגען 87
צו ירושלים 88
ט״ו בשבט 89
דער פאַרבענקטער צו ישראל 90
ישראל, פאַר מיין זעל ביסט אויסדערוויילט 91
באַיאָרטערהייט טוט ווי צו דיר זיך קערן, 92
אַ צוגלופּט בעת אַ שטיקנדיקער צייט 93
אויפן וועג קיין ישראל 94
זיי מוחל מיר, דו ווייסט דאָך, ניט אומזיסט 95
דער מאַן, וואָס מ׳האָט דערנידעריקט צום וואָרעם 96
צו דער פאָלקס־פאָן 97
ס׳איז ניט פאַרווערט צו דיר דעם פויגל פליען 98
וואַרצלען 99
פראַגעס 100
מיט פוסטע הענט צוו פאָרן איז ניט שיין 101

אַ מאַראַנצן־סאַד אין הרצליה

ישראלדיקעביימער 102
מיין מאַראַנצן־גאָרטן 103
אונטער טרויעריקע קיפּאַריסן 104
אויסגעקאָרטשעוועטע ביימעלעד 105
צווישנצייט אין גאָרטן 106
צום מאַראַנץ 107
באַוואַסערונג 108

סודותפולע צוזאַמענהאַנגען 109
פּאָמעראַנצן־דופט 110
ים און טייך 111
דער ערד־קוואַל 112
זאָרג 113
אונדזער ביטערער געטראַנק 114
צו די סאַברע־ביימער. ווונטש 115
באַקאַנטשאַפט 116
פאַרברידערונג מיט דער סאַברע 117
מיט אַ פאַרטרוילעך האַרץ 118
דער חמסין 119
צוויי ביימלעך 120
וואָרענונג 121
צום יידיש מיידל פון גרוזיע 122
דיין שטעל פון אַ גאַזעל, דיין אָדלער־בליק 123
וועגן דעם יידיש מיידל פון גרוזיע 124
קאַיאָר 125
אונטער אונדזער בעזן־בוים 126
מיין ירושלימער אידיליע 127
ניט גוט זיך צו היטן 128
דער ישראלדיקער ווינט 129
אַ באַשיידענער באַגער 130
מיט שכנים 131
דיין פנים, ישראל 132
האַרבסט־מעלאָדיע 133
צו די ישראלדיקע קינדערלעך 134
סיני 135

די סאָלדאַטן־ליד 136
פאַר דעם גרונט 137
ישראל בענקט 138

אייגענע און פריינט

מיין בלינדע באָבע עלקע

שיינע אויגן 141
די באָבע בענטשט ליכט 142
ווי אַ שוואַרצער שאַל 143
דאָס פירערל 144
איך שפּיגל זיך אין דער באָבען 145
ברייטע פּלייצעס 146
דאָס טעפּעלע קאַשע 147
די באָבע שטאַרבט 148
דאָס ערדן־קעלערל 149
אַרום דעם הרובקעלע 150
דאָס שוסטער־שילעכל 151
דעם טאַטנס טלית 152
בירגעקריג־צייט 153
דאָס פאַרליבטע קינד 154
דער פּידפּאַליק 155
צו מאָלדאַווישע יידן 156
מיין פעטער 157
גרויל 158
צו מיין לעצט שוועסטערקינדל חיקע פון דער משפחה רויטמאַן 159
סאָפּאָטשקע און איר זיידע 160
דעם אייניקל אַ מתנה 161

צו די ווינטן 162

פריינדשאַפט

דאָס בכורל 163
דורך בענקעניש 164
צווישן קעלט און הונגער 165
סטודענטישער שטייגער 166
דער טויט פון אַ סטודענטקע 167
דורך ווילדעניש 168
דער פריינד פון לידער 169
אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים 170
אויף בערדיטשעווער בית עולם 171
דער טויט פון מיין שול־חבר 172
געטייטע ברודערלעכקייט. צו מיין מיטצייטלער 173
דער וואונדער פון פריינדשאַפט 174
די וואַלד־קרעניצע 175

מעדיטאַציעס

דעם בעש״טס פּעלצל 179
דעם בעש״טס האַק 180
מיינע וויקעלעך 181
דאָס קינד און די צייט 182
דער סוד 183
זעלבסטבאַשולדיקונג 184
באַוווסטזיין 185
צייט 186
מיין אלטיטשקער בולוואַר 187
דער סאָנעט וועגן גוטקייט 188
זעלבסטדערקענטעניש 189

מיין טיר 190
אַ באַשיידענער געבעט 191
געאָרגינען 192
דער וואַלד־סאָנעט 193
עלעגישער פּייזאַזש 194
האַרבסט־סאָנעט 195
דער סאַטירישער סאָנעט 196
אַ בלינדע וויגע 197
דער סאָנעט וועגן אַלע פיר ווינטן 199
צווייהאָרביקייט 199
שינאה 200
נאָך דעם בראָך 201
אַ העקעלע 202
אויפן קרייצוועג 203
שפּענדלעך 204
בלאָנדזשעניש 205
צאַרטקייט 206
דערוואַרטונג 207
אַ שטערנדל 208
בענקעניש 209
באַליידיקונג 210
אַ היינטצייטיקער חלום 211
אַ שטאָם אויפן וואַסער 212
דער אודאָד 213
ווער ווייסט? 214
מאָסן 215
טרייסט 216
אָפּשייד 217